Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT
פרייז 15 גראשען
היינט 8 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 262 | Łódź, Środa, 14 Listopada 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, ז׳ כסלו תרצ״ה | № 262

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

פארלאמענט האט אויסגעדריקט צוטרוי דער נייער פראנצעזישער רעגירונג

פאריז, 13 (ספ. טעל.)

3 א זייגער ביינאכט האט זיך ביי אנ׳אונגעהויערער שפאנונג געעפנט די זיצונג פון פארלאמענט. פרעמיער פלאנדען האט איבערגעלייענט די רעגירונגס-דעקלאראציע וועגען די נאהענטסטע אויפגאבען פון קאבינעט, צווישען אנדערען ווערט דארט געזאגט, אז די איצטיגע רעגירונג וועט נישט דערלאזען צו קיין רעוואלוציע און נישט צו קיין דיקטאטור.

די רעגירונג איז דאן מסכים געווען, אז מ׳זאל צוטרעטען צו דער אלגעמיינער דיסקוסיע. ס׳האבען גערעדט א גאנצע רייה רעדנער. די דיסקוטאנטען האבען געענטפערט דעם פרעמיער פלאנדען.

דעפ. בלום (ס. ד.) האט ערקלעהרט, אז ער וועט שטימען געגען דער רעגירונג, דאן ווערט געשטעלט צו אפשטימונג דער צוטרוי-וואטום, וועלכער איז אנגענומען געווארען מיט 433 שטימען געגען 118.

פאריז, 13 (ספ. טעל.)

דער מיניסטערען-ראט האט ארויסגעגעבען א פערבאט איינצוארדנען אלערליי גאסען-מאניפעסטאציעס. דער פערבאט איז חל ביז צום אפרופען.

דימיסיע פון גען. בלאמבערג
אויף זיין ארט זאל קומען גענעראל פאן פריטש

ווין, 13. (ספ. טעל.) די עסטרייכישע צייטונגען מעלדען פון בערלין, אז אין די מיליטערישע קרייזען פון דייטשלאנד, און ספעציעל צווישען די גענעראלען, הערשט די גרעסטע אויפרעגונג געגען היטלער׳ס איצטיגען קריגס-מיניסטער גענעראל בלאמבערג, וועלכער וויל דורכפיהרען די „רייניגונג" צווישען די אפיצירען פון דער רייכסוועהר און ארויסווארפען אלע וואס שטאמען פון יודען. מען האט מורא פאר אנ׳אפענעם בונט פון די אפיצירען. אין צוזאמענהאנג דערמיט זאל די רייכסוועהר האבען פערלאנגט פון היטלער׳ן די דעמיסיע פון גענעראל בלאמבערג, און אז אויף זיין ארט זאל בעשטימט ווערען דער איצטיגער רייכסוועהר-קאמאנדיר גענעראל פאן פריטש. עס גייען קלאנגען, אז גענעראל בלאמבערג זאל ווערען ארעסטירט. אויך פון פאריז מעלדעט מען, אז די פאריזער צייטונגען פערעפענטליכען די מעלדונג וועגען דער מעגליכער דעמיסיע פון גענעראל בלאמבערג.

שארפע קאמפאניע אין ענגלאנד געגען אויסערן-מיניסטער סיימאן

לאנדאן, 13. (ספ. טעל.) אין צוזאמענהאנג מיט די קלאנגען וועגען דער דעמיסיע פון ענגלישען אויסערן-מיניסטער סער דזשאהן סיימאן, ווערט מיטגעטיילט, אז די הויפט-פיהרער פון דער קאנסערוואטיווער פארטיי מיט באלדווין אין דער שפיץ פיהרען געגען איהם דעם שארפסטען אנגריף. אויך די „טיימס" איז ארויס מיט א שארפען ארטיקעל געגען סיימאן. מען גיט אויך איבער, אז די נאציאנאל-ליבעראלער פארטיי, צו וועלכער סיימאן געהערט, האט בעשלאסען איבערצוגעהן אין אפאזיציע צו דער איצטיגער רעגירונג אין פאל ווען סיימאן וועט ווערען געצוואונגען צו דעמיסיע.

גרויסע ארעסטען צווישען די „נארא"-לייט אין ווארשא

ווארשע, 13. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) היינט ביינאכט האט די פאליציי אדורכגעפיהרט רעוויזיעס אין די וואוינונגען פון די מיטגלידער פון געוועזענע „נארא"-לייט. ס׳איז ענטדעקט געווארען זעהר פיל אומלעגאלע ליטעראטור און צייטונגען. ס׳זענען ארעסטירט געווארען עטליכע צעהנדליג ענדעקעס.

א טייל פון זיי וועלען איבערגעגעבען ווערען אין געריכט, א טייל זענען שוין אוועקגעשיקט געווארען קיין קארטוז בערעזא.

ערפינדען א נייע טויט-מאשין
וועלכע קענען מאכען אונגעהויערע חורבנות אין צייט פון מלחמה

לאנדאן, 13. (ספ. טעל.) א ענגלישער הויכער מיליטער-מאן האט איצט ערפונדען א נייע טויט-מאשין אין פאל פון א מלחמה. די דאזיגע מאשין איז איצט דאס געשפרעך אין די ענגלישע מיליטערישע קרייזען. זי איז קלענער, אבער פיל שרעקליכער פון דעם טאנק. צוליב איהר טויט-ברענגענדער ווירקונג רופט מען זי „די טרויערע". די מאשין איז קליין און קען בעוועגט ווערען בלויז דורך איין מענש.

די פרייזען אין דייטשלאנד שטייגען
ס׳פיהלט זיך א מאנגעל אין פיל ארטיקלען

בערלין, 13 (ספ. טעל.)

ווי ווייט ערנסט ס׳איז די לאגע אין דייטשלאנד צוליב׳ן כסדר שטייגענדען יקרות איז צו זעהען דערפון, וואס די רעגירונג האט איצט ווידער אנגעהויבען א קאמפאניע אין גאנצען לאנד געגען די שטייגענדע פרייזען אויף די לעבענסמיטלען און אנדערע פראדוקטען. די אקציע פון דער רעגירונג געהט קודם-כל אין דער ריכטונג פון בעקעמפען שפעקולאציע.

אין צוזאמענהאנג דערמיט האט איינער פון די אנפיהרער מיט דער רעגירונגס-אקציע געגען יקרות, פאן רינטעלען, איצט ווידער געהאלטען א רעדע, אין וועלכער ער האט גערופען די געזעלשאפט צו דיסציפלין און אויסגעהאלטענקייט.

פאן רינטעלען האט דערביי ערקלערט, אז אין דייטשלאנד איז נאך דא גענוג שפייז און קליידונג, ער האט אבער אויך מודה געווען, אז די זאפאסען פון געוויסע סחורות ווערען פערקלענערט און אין א טייל פון זיי הערשט א מאנגעל. נאר דאס — האט ער צוגעגעבען — זענען צייטווייליג ערשיינונגען, וועלכע דארפען נישט ארויסרופען קיין העכערונג פון די פרייזען און נישט קיין פאניק.

נאך דער דאזיגער בערוהיגענדער רעדע האבען די פרייזען אין דייטשלאנד ווידער אנגעהויבען צו שטייגען.

מורא׳דיגער דינאמיט-אויפרייס
דערהרג׳עטע און פערוואונדעטע ארבייטער

לאס-אנדזשעלאס, 13. (ספ. טעל.) אין אזאליאן זענען 9 ארבייטער געווען בעשעפטיגט מיט אויסלאדען 4000 קילא דינאמיט אין פעסער פון א וואגאן ארויס. פלוצלונג איז ארויסגעפאלען א פאס אויף דער ערד. עס איז פארגעקומען א שרעקליכער אויפרייס פון די גאנצע 4000 קילא דינאמיט, 6 פון די ארבייטער זענען אויפ׳ן ארט צעריסען געווארען אויף פיצלעך. 2 זענען שטערבליך פערוואונדעט געווארען. איין ארבייטער האט זיך געראטעוועט דערמיט, וואס ער איז שטעהענדיג שוין אין פלאמען, אריינגעשפרונגען מיט די ברענענדע קליידער אין ים אריין.

גרים גרינדען א סעקציע „רעליגיעזע ציוניסטען"

פון ווילנא מעלדעט מען, אז די שוהל-הויף-יודען האבען געהאט א סענסאציע. ס׳האבען זיך געמאלדען 2 פראוואסלאווע גוים מיט בעד׳ד וועלכע האבען זיך פארגעשטעלט פאר גרים פון א ספעציעלער סעקטע „רעליגיעזע ציוניסטען", איינער פון זיי האט געהאלטען אין שוהל א פייערדיגע דרשה אין רוסיש און געמוטיגט די יודען זיי זאלען נישט אראפפאלען ביי זיך, ווייל באלד וועט קומען משיח.

פאר א צייטונגס-מיטארבייטער האט דער עלטערער פון די גרים דערצעהלט אין קורצע וועגען זייער סעקטע. דער דערצעהלער אליין הייסט סטעפאן סטאשעוויטש פון מאטעל נעבען פינסק, אנ׳אוקראאינער, אויך זיין חבר איז אנ׳אוקראאינער, ער הייסט יאקים שטעלמאן, ביידע זענען זיי געווען פראוואסלאווע און זענען איצט מיטגלידער פון דער סעקטע „רעליגיעזע ציוניסטען", וועלכע צעהלט 400 מאן. זיי געפינען זיך ערגעץ אין גאליציען, שוין דריי יאהר ווי זיי האבען זיך מגייר געווען, אבער געמ׳מל׳ט — זאגען זיי — זענען זיי בלויז „גייסטיג", אין דאקומענט (א מיליטער-ביכעל) פיגורירען זיי נאך אלס פראוואסלאווע.

אנטי-רעליגיעזע קאמפען אין מעקסיקא
דערהרגעטע און פערוואונדעטע

לאנדאן, 13. (ספ. טעל.) אין מעקסיקא איז געקומען צו גרויסע דעמאנסטראציעס אין צוזאמענהאנג מיט דער אנטי-רעליגיעזער אקציע פון דער רעגירונג, אין אטליקסקא איז געקומען צו א פערביסענעם קאמף צווישען צוויי גרופעס פאליטישע געגנער, איין פערזאן איז דערהרגעט געווארען און 14 שווער פערוואונדעט.

אין דוראנגא האט דער המון פערשטיינערט צוויי פרויען, וועלכע האבען אנטיילגענומען אין דער סאציאליסטישער פראפאגאנדע.

סאבאטאזש-אקטען אין דייטשלאנד
מ׳קען נישט דערגעהן ווער ס׳פיהרט אן מיט דער טעראר-אקציע

בערלין, 13. (ספ. טעל.) אין די היגע פאליטישע קרייזען איז מען זעהר בעאומרוהיגט צוליב דעם כסדר׳דיגען סאבאטאזש. די לעצטע טעג ברענגען אהן אויפהער די גיטער ארום קעניגסבערג; די אלע גיטער ווערען פערברענט ביז אש, ווייל זיי ווערען אונטערגעצונדען אין עטליכע ערטער מיט אמאל.

די פאליציי האלט, אז דאס איז א קאמוניסטישע טעראר-אקציע, די שולדיגע האט מען נאך נישט געכאפט.

אינטערנאציאנאלע אנטי-היטלער-קאנפערענץ
קומט פאר ד. 26-טען ד. ח. אין לאנדאן

לאנדאן, 13. (יט״א טעלעגראפיש) דעם 26. ד. ח. קומט פאר אין לאנדאן די אינטערנאציאנאלע אנטי-היטלער-קאנפערענץ, דעם 24. ד. ח. קומט פאר די קאנפערענצען פון די יודישע באיקאט-קאמיטעטען.

אראבער אקופירן יודישע באדען
פערארדנונג אפצושטעלען די ארבייט

ירושלים, 13. (יט״א טעלעגראפיש) א גרויסע גרופע אראבער האט אקופירט דעם יודישען באדען אויפ׳ן שטח פון נחלת יעקב נעבען חיפה, דער דיסטריקט קאמיסאר האט פעראָרדנט, אפצושטעלען די ארבייט ביז דער ענין וועט דערלעדיגט ווערען דורך געריכט.

רעפערענט אנשעל עלענבערג בעשאנקען
מיט א זילבערנעם פערדינסט-קרייץ

ווארשע, 13. (יט״א טעלעפאניש) אין שייכות מיט דעם יום-טוב פון פוילענס אומאפהענגיגקייט, איז דער רעפערענט פאר יודישע ענינים ביים אינערן מיניסטעריום, אנשעל עלענבערג, בעשאנקען געווארען מיט א זילבערנעם פערדינסט-קרייץ.

גערער רבי פאהרט נישט קיין ארץ-ישראל
אגודה׳שע צייטונג אין פאלעסטינא

ווארשע, 13. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) ווי בעוואוסט, האט דער גערער רבי געזאלט פאהרען באלד נאך חנוכה קיין ארץ-ישראל. ווי מיר דערוויסען זיך, וועט די רייזע אבגעלייגט ווערען. די סיבות דערפון זענען דער טרויער נאכ׳ן פערשטארבענעם זוהן און דער שוואכער געזונד-צושטאנד פון רבי׳ן.

דאגעגען וועלען אפפאהרען קיין ארץ-ישראל אין דער קורצסטער צייט די צוויי בעקאנטע אגודה-פיהרער ר׳ איטשע מאיר לעווין און ר׳ יעקב ראזענהיים, וועלכע וועלען זיך פערנעהמען מיט ארגאניזירען די אגודה׳שע בעוועגונג אין ארץ-ישראל.

ס׳איז אויך דא א פראיעקט צו פערלעגען אין ארץ-ישראל אנ׳אגודה׳שע צייטונג.

פון דער לאדזער בערזע

באנק פאלסקי — — — —	90.00
3 פראצענטיגע בודאוולאנע —	44.00
4 " דאלארובקא —	51.25
7 " סטאביליזאציע (אמ.)	64.50
5 " ווארשאווער מ.-ב. 1934	55.00
5 " לאדזער . .	48.00
ענגלישער פונט — — —	26.59
דאלאר אפיצ. 5.30 נישט אפיצ. —	5.27
גאלד-דאלאר — — — —	8.92
גאלד-רובל — — — —	4.59
דייטשער מארק	1.88

די מהומה אויף דער ווארשאווער בערזע

ווארשע, 13. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) אין די בערזע-קרייזען איז ווייטער א מהומה: די פאפירען זענען געפאלען קאטאסטראפאל; סטאביליזאציע איז אראב ביז 68; די 5 ווארשאווער נייע זענען אראב ביז 56. סטאראכאוויצע איז אראב ביז 11.75. דער עיקר איז וואס עס זענען נישט פערהאן קיין קויפערס. מען זאגט, אז עס שווימט אהער א גרויסער פאקעט „סטאביליזאציע", וואס איז געקויפט געווארען פאר פוילען אויף דער ניו-יארקער בערזע דורך א געוויסע באנק-פירמע. מען ווייסט נישט ווער וועט דעם פאקעט קאנען איינעהמען. די פוילישע צייטונגען שרייבען, אז צו די פערשידענע סיבות פון דער ירידה קומט אויך צו דער פאקט, וואס לויט דעם רעגירונגס-בודזשעט, וועלען די פערשידענע אינסטיטוציעס פון „זופו" און אנדערע מעגען לאקירען זייערע געלדער אין דער „איבעריגער רענטע" (דאס איז א ביי פאפיר) פון דער רעגירונג.

נעכטען איז געווען א קלאנג, אז איינער פון די הויפט-בערזיאנער איז אנטלאפען צוליב דער ירידה און געלד-פערלוסט. עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען אז די ידיעה איז געווען א נישט-ריכטיגע.

נייע סיים־וואַהלען

זאַלן פאַרקומען פריהלינג 1935

וואַרשע, 13. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) דער גוט־אינפאָרמירטער „קוריער פּאָראַנסקי" מעלדעט היינט, אַז עס וועט איבערגעגעבן אין די פּאָליטישע קרייזן דאָס באַלד, ווי דער סיים וועט אָנגענומען דעם בודזשעט, וועט ער ווערן פונאַנדערגעלאָזט, און שוין צו פריהלינג (אַלזאָ אין 5 מאָנאַטן אַרום) זאָלן פאַרקומען נייע סיים־וואַהלען. גלייכצייטיג זאָלן דאַמאָלס פאַרקומען ענדערונגען אויך אַ רייה רעגירונגס־אַמטען.

11 דייטשע רוצחים בעפרייט פון תפיסה

די וואָס האָבן פאַגראָמירט און ערמאָרדעט יודען זענען צוריקגעשטעלט געוואָרען אין די פּאַרטיי־רעכט

בערלין, 13. (יט"א טעלעגראַפיש) די פרעסע מיטיילט, אַז ס'זענען בעפרייט געוואָרען פון תפיסה אַלע 11 נאַציס, וואָס האָבן דעם 13־טען יוני פאַגראָמירט די יודישע בעפעלקערונג אין הילשבורג, און ערמאָרדעט 5 יודען. די 11 רוצחים זענען צוריקגעשטעלט געוואָרען אין די פּאַרטיי־רעכט.

דר. רייך געקומען צו קבורה אין ארץ־ישראל

רעדע פון פרעז. נחום סאָקאָלאָוו ביים אָפענעם קבר

ירושלים, 13. (יט"א טעלעגראַפיש) נעכטען איז דער פריה אין געקומען צו קבורה ד"ר לעאָן רייך. ביים אָפענעם קבר האָט גערעדט פרעז. נחום סאָקאָלאָוו.

נייער פּויליש־דייטשער אָפּמאַך

וועגען וואָס שרייבט די פראַנצויזישע פרעסע

פּאַריז, 13. (ספּ. טעל.) די צייטונג „אינפאָרמאַסיאָן" מעלדעט פון בערלין, אַז פּוילען און דייטשלאַנד האָבן אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך, וועלכער ערלעדיגט אַלע פינאַנסיעלע סכסוכים צווישען די ביידע לענדער. די „אינפאָרמאַסיאָן" בעמערקט דערצו, אַז דער דאָזיגער אָפּמאַך טראָגט אויך אַ בעדייטענד פּאָליטישען כאַראַקטער און אַז ער ליקווידירט נישט נאָר די פינאַנציעלע סכסוכים, נאָר ער אנערקענט אויך די איצטיגע פּאָליטישע לאַגע אין מזרח־אייראָפּע. עס איז איצט אַלזאָ נישטאָ קיין שום פּאָליטישע אָדער פינאַנציעלע פראַגע, וואָס זאָלן פונאַנדערטיילען די ביידע לענדער.

גרויסע טרויער־פייערליכקייט אין תל־אביב

צום טויט פון באַראָן ראָטשילד

ירושלים, 13. (יט"א טעלעגראַפיש) אין תל־אביב איז פאַרגעקומען אַ טרויער־פייערליכקייט צום טויט פון באַראָן עדמונד ראָטשילד. אַנוועזענד זענען געווען 10 טויזענד פּערזאָן. מיט רעדעס זענען אַרויסגעטרעטען ד"ר חיים וויצמאַן און ב. קאַצענעלזאָן.

Dr. med.
L. Berman
צעגעלניאַנאַ 15, טעל. 149-07
ספּעציעל־אַרצט פאַר הויט־ און געשלעכטס־קראַנקהייטען. מענער־שוואַכע־בעהאַנדלונג און סעקסועלע בעראַטונג.
עלעקטר אַנאַליזען.
נעמט אָן פון 8—11 און 4—8 אָוו. זונטאָג פון 9—2 בייטאָג
פאַר אונבעמיטעלטע לעמעניצע־פּרייזען.

קלאַנג־קינאָ־טעאַטער
Zachęta
זגערזשער 26
היינט און פאָלגענדע טעג!
גרויסער סאָוויעטישער פילם, וואָס אילוסטרירט די לעצטע קאַמפען פון דער ווייסער גוואַרדיע געגען די רויטע א. נ.:
לעצטער אַטאַמאַן אַניענקאָוו
רייכער אינהאַלט! פּרעכטיגע מעלאָדיעס! רוסישע לידער! אין דער הויפּטראָלע: דער גלענצענדער אַרטיסט ŁYWANOR
אויסערן פּראָגראַם:
„CSIBI"
מיט Franciszka Gaal
אָנהויב פון די סעאַנסען: שבת און יום־טוב 12 אַ זייגער. געוועהנליכע טעג 4 נאָכמ.

רעפּרעזענטאַנץ־טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי" 27 ציגעל־גאַס 27 טעל. 112-25
דירעקציע: דוד צעלמייסטער.
אונווידערופליך לעצטע גאַסטשפּילן פון דער בעריהמטער קינסטלערין
אידאַ קאַמינסקאַ
גרויסע הנחה־ און פאָלקס־פאָרשטעלונג אַלע בילעטן אין פּאַרטער נור 1 זל.
היינט, מיטוואָך, 9.30 אָוונט צום לעצטען מאָל
פרייליין דאָקטאָר
סענסאַצ. ביני־רעפּערטואַר אין 6 בילדער, טיטול־ראָלע און רעזשי: אידאַ קאַמינסקאַ
פרייליין דאָקטאָר נויטיגט זיך נישט אין קיין רעקלאַמע!
פרייליין דאָקטאָר איז געוואָרען געשפּילט אין דער נאַנצער וועלט 100־טער מאָל.
אין פרייליין דאָקטאָר בעטייליגען זיך איבער 50 מאַן. נייע עפעקטפולע אויסשטאַטונג.
מאָרגן דאָנערשטאָג — פייערליכער געזעגנונגס־ און עהרען־אָוונט פון דער בעריהמטער קינסטלערין **אידאַ קאַמינסקאַ** 2 סענסאַציעס אין 1 אָוונט
1) מיר פרויען! (ענין מאַניקאַ), 2) וואָס? לעזט די ווייטערדיגע אַנאָנסען. וואָס?

שייטלען
מיט פּאַריזער שרינדען
ווי אויך פערטיגע שייטלען ווערען ערשטקלאַסיג און רעעל אויסגעאַרבייט צו ביליגע פּרייזען
ביי **קערש**, סטוועראַווע 15

פאַר שאַכטעל־מאַכער, ליגירער, בוכבינדער און דרוקערייען!
רעפּאַראַטורען פון מעסערלעך פאַרשידענע מאַשינען - טיילען און שווייסונגען
פיהרט אויס ביליג
J. REDER, Łódź
קאָנסטאַנטינער 11/13 11/13
(רוג זאַכאָדניאַ)

מזל־טוב
את כבוד חברי מר
עקיבא גאָלדבלום
וזוגתו תחי' אני מברך בברכת מז"ט חמה ולבבה לארש בתם העדינה העלמה מרת
מינדל תחי'
עם האברך הבחור כמר
יעקב זאב הכהן פּאָליצקי
ביום א' לסדר כי לא אעזבך, יהי רצון שזווגם עולה יפה.
המברך
אברהם ווילגאָוואָלסקי.

Dr. med.
Leon Familier
אינערליכע און קינדער־קראַנקהייטען
האָט זיך איבערגעצויגען אויף
שערפּליעץ 37 (בענעדיקטאַ) 6.
נעהמט אָן פון 5—7 נאָכמ.

Dr.
Wajnberg
ספּעצ. פון לונגע, האַרץ און סקלעראָז קראַנקהייטען
וואוינט יעצט פּיעטריקאָווער 145
טעל. 126-02.
נעמט אָן פון 9—10 פריה, 3—5, 8—9 אָוו.

אויפפאָדערונג
צום ה' נתן דוד ווישליצקי, לאָדז
(מיטאינהאָבער פון דער פירמע ראָזען עט ווישליצקי)
איבערגאָבענדיג דער עפענטליכקייט דעם אונטענשטעהענדען כתב סירוב פון לאָדזשער בית־דין, פאָדערן מיר אייך אויף צום לעצטען מאָל צו ערלעדיגען מיט אונז דעם היטעלשוועבענדען סכסוך ביים יודישען דין ביז דינסטאָג, דעם 20/XI ד. י. געגענפאַלס וועלען מיר זיין געצוואונגען צו בענוצען זיך מיט'ן רשות בית־דין צו מאָהנען אונזער רעכט דורך א שטראָף־פּראָצעס.
געברידער פּזשיגאָדאַ.

№ 326 II

בית־דין קבוע ע"י הקהלה העברית בלודז
ב"ה לודז יום כ"ט לחודש מרחשון תרצ"ה
כתב סירוב
הפירמא אחים פּזשיגאָדאַ מפה הזמינו לדין תורה את מר נתן דוד ווישליצקי לפני בית־דין קבוע ע"י הקהלה העברית דפה, השליח בי"ד הזמינו כמה פעמים הנ"ל השיב להשליח בי"ד שלא יבא לדין תורה.
וכראי באנו עה"ח חברי הבית דין
מקום החותם.

פאַר **גאַלד,** ביזשוטעריע
און לאָמבאַרד־קוויטעס
צאָהלט די העכסטע פּרייזען
איזידאָר פּיאַלקאַ
פּיעטריקאָווער 7.

אויערן, נאָז און האַלז קליניק
מיט בעטען פון Dr.
Z. Rakowski
פּיעטריקאָווער 67, טעל. 127-81
נעהמט אָן שטענדיגע קראַנקע (צוזאַ־אָפּעראַציע א. ז. וו.) ווי אויך אַמבולאַ. טאָרישעס פון 11-1 און פון 5—8 אָוונט.

אַלערליי פוטערס פאַרבט מען
לויט אויסלענדישען סיסטעם
אין דער כעמישער וועשעריי און פאַרבעריי
„עריקאַ"
מלינאַרסקאַ 2 (רוג בזשעזשינער)
קאָנקורענץ־פּרייזען!
סאָלידע אויספיהרונג!

7.50 זל. טעגליך
אָטוואָצק קלימאַטישע וואַלד־סטאַציע
Sanatorjum
D-ra med. W. PRZYGODY
לונגען - אָפּטיילונג: ס'ווערען געהיילט לונגען־קראַנקע לויט די נייעסטע מעטאָדען.
כירורגישע אָפּטיילונג: ווערען געמאַכט: אָדמע, איבערברעכונג פון פּראָוועקסונגען, דורכשניידען פון'ם נערוו א. ז. וו.
ספּעציעלער פּאַוויליאָן: ריטשאָלט־פּרייזען צוגעפּאַסט צו דער איצטיגער קריזיס־צייט נעמען אַרום: פולע אויסהאַלטונג, מעדיצין, אויפזיכט, רענטגען, אינהאַליזען א. א. כשר'ע קיך! געשמאַקע כשר'ע קיך. כשר'ע קיך!
פאַר רעקאָנוואַלעסצענטען זאָרגפעליגע אויפזיכט.

די 1-טע און ביליגסטע קוועלע פון
רעשטען
אויף פּאַלטענס און אַנציגער
פון די בעסטע ביליצער און טאָמאַשאָווער סחורות, די מאָדערנסטע מוסטערן, אין אַ גרויסען אויסוואַהל, בעקומט מען נאָר ביי
R. Szczęśliwy
לאָדז, 5 באַוואָמיעסקאַ 5
טעל. 156-09
גערעגט. פּראָנט 2 שטאָק.
שבת און זונטאָג פאַרמאַכט — געוועהנליכע טעג: שבת 2 שטאָק — פּראָנט 2 שטאָק. גערעגט.

ראַטעוועט אייער געזונד
קראַנקע אויף רופּטורען (ברוך־קראַנקהייטען)
ספּעציעלע אָרטאָפּעדישע הייל־גומי־באַנדאַזשען פון מיין מעטאָדע העלפן ראַדיקאַל אונטער גאַראַנטיע אָהן אָפּעראַציעס פון אַלע מינים ברוך־קראַנקהייטען (רופּטורען) אפילו די עלטעסטע און געפעהרליכסטע ביי מענער, פרויען און קינדער.



דאָס אַראָפּלאָזען זיך פון מאָגען און קישקעס בעזייטיג איך דורך פערלענגען ספּעציעלע אינדיווידועל צוגעפּאַסטע בויך־באַנדאַזשען. אויף אויסגעקרימטע רוקען־ביין (הויקערס) אָרטאָפּעדישע הייל־גאַרסעטן אויף ביינער־שווינדזוכט און אַלע אַנדערע פעהלערן אָרטאָפּעדישע הייל־אַפּאַראַטען אויף פּלאַטפוס.
ספּעציעלע איינלאַגען לויט גיפּס־מאָדעלן, אויך זשילאַסעס־גומי־זאָקן לויט מאָס. קינסטליכע הענד און פיס

ספּעציעלער אַנשטאַלט פאַר הייל־אָרטאָפּעדיע
Spec. Ortop. **O. PETRYKIEWICZ** אויס לעמבערג
לאָדז, פּיראַמאָוויטשאַ 9 (אַלגינסקאַ
(פּראָנט פּאַרטער), טעל. 177-09 נאָהנט פון לאָדזשער פאַבריקס־באַהנהויף
בעמערקונג: דאָס ערשיינען פון די קראַנקע איז אונבעדינגט נויטיג.
צאָהלרייכע דאַנקזאַגונגען און דאַנק־בריף.
(אין זעגרוש אויף טלאָמאַצקאַ № 2 און № 4 אייגענע הייזער)

DR. MED.
H. Różaner
הויט, וועגערישע און מענער־שוואַכע קראַנקהייטען
NARUTOWICZA 9, tel. 8-98.
נעמט אָן פון 8—10 און פון 5—8 אָוו.

Dr. H. Rakowski
אינערליכע קראַנקהייטען
צוריקגעקעהרט
האָט זיך איבערגעצויגען פון זשוואַדזקאַ 8 אויף טראַוגוטאַ 5, טעל. 137-34.

אַנאָנסען אין נייעם פאָלקסבלאַט האָבן דעם גרעסטען ערפאָלג

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז 14 נאוועמבער 1934

דאס בלייבט דערווייל א רעטעניש

צי וועלען מוזען קומען נייע שטייערן?

דאס, וואס דער פרעמיער קאזלאווסקי האט נישט געזאגט אין זיין ראדיא-רעדע, דאס האט דער פינאנץ-מיניסטער זאוואדזקי געזאגט אין סיים. אויף דער בעפעלקערונג וועלען ארויפגעלייגט ווערען נייע שטייערן. דאס וועט געשעהן, נישט קוקענדיג אויף די פייערליכע הבטחות פון דער רעגירונג, אז צוליב דער פולער ערשעפונג פון דער בעפעלקערונג, וועלען קיין נייע שטייערן נישט איינגעפיהרט ווערען.

עס ווייזט זיך אבער ארויס, אז נייע שטייערן וועלען יא זיין. די 10-פראצענטיגע הוספה צו די דירעקטע שטייערן וועט נישט נאר איינגעהאלטען ווערען, נאר די הוספה וועט נאך פערגרעסערט ווערען. ווי גרויס — דאס ווייס מען נאך נישט. איינע בלעטער האלטען, אז נאך אויף פראצענט. אנדערע — אז בלויז נאך אויף 5 פּר

צוקער זאל בעקומען א צוגאב-בעשטייערונג. ערשט נאר וואס איז צוקער ביליגער געווארען, און שוין וועט קומען א בעשטייערונג. אמת, די סאנאציע-בלעטער שרייבען, אז בעשטייערט וועט ווערען נאר דער אזוי-גערופענער לוקסוס-צוקער. אבער צוקער איז דאך בכלל אנ'ארטיקעל פון ערשטען געברויך און מוז צוגעשטעלט ווערען דער בעפעלקערונג אין בעסטען סארט אויף לויט דעם צוגענגליכסטען פרייז. גיכער וואלט מען געדארפט דעם פרייז פון צוקער פערקלענערן אויף א העלפט און דער פערשטארקטער געברויך וואלט זיכער געדעקט מיט אנ'עודף דעם פערלוסט, אבער אנשטאט פערביליגערן, וועלען מיר האבען א פערגרעסערונג פון פרייז. די געשיכטע פון די צוקער-פרייזען איז בכלל זעהר א טונקעלע, דער נייער געהעכערטער פרייז וועט דעם נעפעל נאך מעהר פערשטארקען.

א גרויסען ווידערשטאנד וועט אנטרעפען דער פראיעקט פון דער אזוי גערופענער שול-דאנינע.

די פראגע פון בילדונג ווייזט אויס האלט פרעמיער קאזלאווסקי פאר א צווייטראנגיגער, ווייל אין זיינע לעצטע רעדעס האט ער איהר נישט געווידמעט קיין איין ווארט. האלטענדיג בילדונג ווייזט אויס פאר א לוקסוס-זאך, פערזוכט די רעגירונג די אויסגאבען אויף בילדונג אין אנ'עק ערגעץ, און פיהרט איין א נייע דאנינע אויף בילדונגס-צוועקען, וואס וועט פאלען אויף דער געזעלשאפט. דאס איז א נייער שטייער, וואס ווערט מיט זיין גאנצער לאסט פאלען אויף דער אונפערמעגליכער בעפעלקערונג. אויב עס זאל שוין יא איינגעפיהרט ווערען אזא מין דאנינע, דאן וואלט געווען א יושר, אז צאהלען זאלען מענשען, וואס פערדינען 1000 זל. א חודש און מעהר, וואס פערנעהמען גרויסע דירות, וואס האבען אין זייער רשות אויטאס א.אז.וו. אבער די שול-דאנינע וועט זיין אויסשליסליך א דירות-אפצאהל און זי זאל געצאהלט ווערען פון יעדען מין דירה, נישט אויסשליסענדיג אויך איינשטוביגע וואוינונגען.

מיט א קורצער צייט צוריק האט מען גע-זאלט איינפיהרען אפצאהל אין די רעגירונגס-שולעס, אונטערן דרוק פון דער עפענטליכער מיי-נונג האט זיך די רעגירונג דערפון אפגעזאגט.

מיט וואס אונטערשיידט זיך די שול-דאנינע פון אנ'אנדער מין שול-אפצאהלונג ?

דער בירגער פון אלע טאג האט אויף זיך שוין לאסט פון פערשידענע שטייערן, אפצאהלען, נדבות „פריווילעגיע" און אנדערע, אז דער געדאנק וועגען עפעס נייע שטייערן ווארפט אויף איהם ממש ארויף א שרעק. און דא דארף מען נאך בעט-מען אין אכט אט וואס. די נייע דאנינעס וועלען אין בעסטען פאל ברענגען א 40 ביז 60 מיליאן איינקונפט, ד. ה. אין בעסטען פאל וועלען זיי דע-קען בלויז א טייל פון פאראויסגעזעהענעם בודזשעט-דעפיציט אויפ'ן קומענדיגען בודזשעט-יאהר. און וואו וועט מען נעהמען אויך צו דעקען דעם איבריגען טייל פון דעפיציט ? דאס בלייבט דערווייל א רעטעניש.

„פערטרייבט אייך פון מיליטער!"

די נאציאנאלע העלדען פון דער ענדעציע

„אט אזוי איז עס ! פון מיליטער אויך !" דאס איז נאך נישט קיין בעפעהל פון דער ענדע קישער „גאזעטא ווארשאווסקא". דאס איז דערווייל נאר א דראהונג. ווייל, זעהט איהר, זי האט נישט קיין הנאה פון יודישען אנבליק.

„דער בליק פון די גארבאטע יודישע נאז און אפשטייענדיגע אויערען, וואס רוקען זיך ארויס פון אונטער'ן היטעל, פריידט נישט אונזערע הערצער. אויב מיר דארפען ערקלערען, וואס אונז וואלט צום בעסטען געפעלען געווארען, וועלען מיר זאגען, אז צום צום בעדנסטען וואלטען מיר געזעהען די עמיגראציע פון אונזערע יודען קיין פא-לעסטינא, קיין בירא-בידזשאן, קיין מאדאגאסקאר, אנגאלא, אויסטראליע, ניי-גווינעא, מאנדזשוריען, אדער וואו ס'זאל נישט זיין, אזוי, אז דער יודי-שער רעקרוט פון דער פוילישער ארמעי זאל פערביטען ווערען מיט א פוילישען רעקרוט, וואס איז איצט אין פראנקרייך, אין אמעריקא, אין דייטשלאנד אדער ער וועט מארגען עמיגרירען פון לאנד, ווייל ר'האט נישט קיין ברויט, וואס דער יוד נעהמט ביי איהם צו, און וועלכעם וואלט דאן געקאנט אין זיין לאנד עקזיסטירען".

אזוי מיינט דער ענדעקישער דרייסטער פריץ וועגען יודישען זעלנער און וועגען זיין אייגענער דרייסטקייט און קריגערישקייט.

גראד אבער נעכטען האט זיך אין „קוריער פאראנני" בעוויזען א זעהר אינטערעסאנטער לייט-ארטיקעל, אין וועלכער ס'ווערט געשטעלט די פראגע : פארוואס פייערען נישט די ענדעקעס דעם יום-טוב פון דער פוילישער אונאפהענגיקייט ?

„מיט וואס קאן מען ערקלערען, וואס א געוויסער טייל פון דער פוילישער פרעסע און פובליציסטיק נעהמט נישט קיין אנטייל אין דער פייערונג פון דעם גרויסען און פייערליכען יום-טוב, נאר ער האט זיך פון איהם אפגעקעהרט מיט דער גלייכגילטיגקייט פון א כאם, וואס פייפט אין דער גאס, ווען דערנעבען גייען פארביי די פעהנער פון רוהם און לויב ?"

און די צייטונג דערציילט נאכאמאל וועגען דעם, וואס איז שוין אייגענטליך בעוואוסט, אז דער ענדעקישער כאם האט געשפילט א נידריגע, א פחדנישע ראלע, ווען ס'האט זיך ענטשיידט דער גורל פון פוילענס אונאפהענגיקייט : אט דער כאם, וואס מאכט זיך לוסטיג חוזק איבער'ן יודישען זעלנער מיט די ארויסגעשטארטע אויערען האט זיך געבעטען רחמים דורך ראמאן דמאווסקי'ן מען זאל ווייטער איבערלאזען דאס דייטשע מיליטער אין פוילען, בעת עס איז ענטשידען געווא-רען די היסטארישע פראגע וועגען זיין אדער נישט זיין פון אונאפהענגיגען פוילען. דמאווסקי און זיינע מענשען האבען געזוכט רעטונג פאר פוילען אין פערהאלטען די באגנעטען פון פריי-סישען יונקער. דעמאלט, — אין יענע היסטארישע נאוועמבער-טאג האבען די הערען פון דער „גא-זעטא ווארשאווסקא" געשיקט דעלעגאציעס צום אמעריקאנישען שטאטס - סעקרעטאר לאנסינג מיט דער דרינגענדער ביטע צו פערלענגערן די דייטשע אקופאציע !

דיזעלבע הערען מאכען איצט אויף א לאַ-בוזערסקע אופן חוזק איבער דעם יודישען זעלנער מיט די אויערען, מיט'ן היטעל.

בנאמנות, מעהר דרייסטקייט און העלדענטאט האט ארויסגעוויזען אט דער יודישער זעלנער איידער די שליאכטשיצעס פון ענדעקישען בלעטעל.

אין פאדערהויז פון ארץ-ישראל

א בעזוך אין עמיגראנטען-קעסעל פון טריעסט

אין דער ריגער „סעוואדניא" געפינען מיר א זעהר אינטערעסאנטע בעשרייבונג פון פארט טריעסט אויפ'ן מיטעללענדישען ים, דורך וועלכען עס געהט דער גרויסער עמיגראציע-שטראם פון די יודען קיין ארץ-ישראל.

וועגען טריעסט האט זיך איינער אויסגע-דריקט: ביז'ן קריג איז דאס געווען אנ'עסטרייכי-שער פארט, נאכ'ן קריג אנ'איטאליענישער און איצט — א יודישער.

אין יאהר 1933 זענען דורך טריעסט פארי-בער 23000 יודישע עמיגראנטען קיין א"י. בלויז פון דייטשלאנד זענען פארביי'געפאהרען 4000 עמיגראנטען. פון זינט היטלער איז געקומען צו דער מאכט זענען פון דייטשלאנד אפגעפאהרען קיין פאלעסטינע 12000 יודען.

אויסערליך דערמאנט טריעסט מארסעל, האמ-בורג אדער גענוא. פון די 200000 איינוואוינער פערנעהמען זיך א העלפט מיט ארבייט ביים ים. ארבייטער אין פארט, פערנעהמען זיך מיט פיש-פאנגען און האנדלען מיט פיש. טריעסט טיילט זיך אין צוויי שטעדט: די אייגענטליכע פארט-שטאט, וואס איז שמוציג, רוישיג און ענג, מיט קאזער-מעס, בארקען, שפיל-הייזער, און די פארט-שטאט, וואס איז ריין, אייראפעאיש, מיט שעהנע גלייכע גאסען, מיט ווייסע הויכע הייזער, מיט פאליציאנטען און ווייסע הענטשקעס, מיט פרעכ-טיגע שויפענסטער, קאפעס און גרויסע רעס-טאראנען.

אין איינער פון די ענגע גאסען שטעהט א הויכע 4 שטאקיגע געביידע מיט א בלוי-ווייסען שילד, אויף וועלכען ס'איז אנגעשריבען אויף העב-רעאיש: ציוניסטישע ביורא.

דאס הויז געהערט צו דער יודישער קהלה פון דער שטאט. די יודישע אגענץ צאהלט יעהר-ריך פאר'ן לאקאל 8000 ליר.

די ציוניסטישע ביורא פיהרט איינאיינעם מיט'ן איטאליענישען הילפס-קאמיטעט די גאנצע קאמפליצירטע ארבייט פון אויפנעהמען און אפשי-קען די עמיגראנטען קיין פאלעסטינע.

קודם כל דארף מען זארגען, אז די עמי-גראנטען זאלען האבען וואו צו וואוינען די פאר טעג ביז עס וועט אפגעהן די שיף. אין דריי שטאק פון דער געביידע זענען איינגעארדענט צימערען און זאלען פאר די עמיגראנטען. דא געפינט זיך אויך אנ'עס-זאל, ביליארד-זאל און א אימפראווי-זירטע סינאגאגע.

דער דאזיגער האטעל איז שטענדיג פול. ווען עס קומען אן די צוגען מיט עמיגראנטען בע-פינען זיך דא ביז 500 מענשען. א טייל פון זיי געהען דאן אין הויז פון דער שיף-קאמפאניע „קאסוליטש-ליין".

די אדמיניסטראציע פון הויז איז שטענדיג פערווארפען מיט ארבייט. אין די טעג איידער עס גייט אפ די שיף, קומט די ארבייט פאר שיער נישט אין פערלויף פון 24 שעה אין מעת לעת. מ'דארף ארויסגעבען די דאקומענטען, פיהרען פערשידענע אונטערהאנדלונגען מיט דער מאכט, ענטפערען אויף טויזענטער פראגען, זארגען וועגען עסען פאר די אפפאהרענדע. טייל מאל ווענדט מען זיך צו דער אדמיניסטראציע מיט פראגען,

(ווייטער זעהט 7-טע זייט).

פארוואס זיי פליהען אין דער סטראטאספערע

(פון דער סעריע: „דערציילונג וועגען פיר נצחונות")

„מיר קוקען פון דער ערד, ווי די חברים ווארטען פון דער בלויקייט זענען אריין אין קארט-קום פון דער סטראטאספערע" — אזוי האט בע-זונגען דער דיכטער סוויעטלאוו דעם פליה אין דער סטראטאספערע פון פראקאפיעוו, בירנבוים און גאדונאוו.

די הויך פון סטראטאסטאט איז געווען 120 מעטער, דער פערנעהם 25 טויזענט קוביק מעטער. דער אליומיניום-קויק פון דער גאנדאלע איז געווען אויסגעשמידט האנד-ארבייט דורך די בעסטע בלע-כער פון פאבריק נומ' 39. דעם אמארטיזאטאר האבען אויסגעפלאכטען קאלווירטניקעס פון ווערבע-צווייגען.

געשווינד איז דער סטראטאסטאט אוועק אין די הויכען. ס'איז געפאלען דער לופט-דרוק ביז 50 קילאמעטער. ס'איז געפאלען די טעמפעראטור ביז 63 גראד קעלט. אומגעוועהנליך האט אויסגעזעהן דער פיאלעט-שווארצער הימעל. ווי א ראזיר-מעסער איז פיינליך שארף געווען פאר'ן אויג דער זונען-שטראהל.

8 מיט 40 פריה האט אלקסניס, דער שעף פון די לופט-כוחות, ערלויבט צו סטארטען און 12 מיט 45 האט דער סטראטאסטאט זיך אנבלאזענדיג אין זיין גאנצען פארנעהם דערגרייכט צו זיין „סטעליע": 19 קילאמעטער.

די אנפאנגליכע געשווינדקייט פון סטראטא-סטאט איז געווען 34 קילאמעטער אין א שעה, ווייטער האט זי זיך פערקלענערט ביז 30, 10 און 1 קילאמעטער אין א שעה.

אין אווענד האט זיך דער סטראטאסטאט אראפגעלאזען נעבען קאלאמנע בוכשטעבליך אויף די הענד פון די ארבייטער פון קאלאמנער פאבריק. פיקאר'ס רעקארד איז געדעקט געווארען אויף דריי קילאמעטער.

אט ווי פראקאפיעוו גיט איבער זיינע איינ-דרוקען פון דעם פליה:

זיך איבערוואַרפענדיג פון איין מכשיר צום אנדערן, אויף די קניה, מאכט גאדונאוו זיינע אב-סערוואציעס איבער קאסמישע שטראהלען. בירנבוים האלט אונטער די פערבינדונג מיט דער ערד. אונ-זערע שטימען אין דער גאנדאלע זענען פערדעמפט ווי אין א קעלער, און פלוצלינג!

— עס רעדט דער פיש ! הער מארס, דאס רייסט זיך אריין די ערד אין אונזער שטילקייט.

בירנבוים בייגט זיך צו צום מיקראפאן :

— הער ! הער! ערד ! עס רעדט מארס ! גיט איבער אונזער ראפארט.

די אינדוסטריעלע, ספארטיווע און וויסענ-שאפטליכע רעזולטאטען פון דעם פליה אין דער סטראטאספערע האט דער עקיפאזש פון סטראטא-סטאט אויף א בעזוך אין אנ'אוויאציע-אפטיילונג אזוי פארגעשטעלט פאר זיינע קאלעגען-פליהער :

דער בעלגישער פראפעסאר פיקאר האט 2 מאל געמאכט פרובען אויסצופארשען די סטראטא-ספערישע הויכען, נאר אהן ערפאלג. דער מאטער-יעלער טייל האט טראץ דער הילף פון דייטשלאנד, איטאליען, ענגלאנד און פראנקרייך, נישט אויס-געהאלטען. די טעכניק האט אזוי פערפיהרט, אז די טעמפעראטור אין דער קאבינע האט נישט געגעבען די מעגליכקייט זיך צו פערנעהמען מיט אויספארשונגען.

און איצט, ווען מען פערגלייכט אונזער צוגרייטונג צום פליה מיט פיקארס, ווארפט זיך גלייך אין די אויגען דער אונטערשיד. דער סא-וויעטישער סטראטאסטאט איז געווען צוגעגרייט אין פינף ראיאנען פון מאסקווע אין משך פון 8 חדשים. די סאוויעטישע טעכניק איז איצט אזוי אוועקגעשטעלט — האט געזאגט פראקאפיעוו — אז מיר קענען איצט נישט מעשה פאראד, נאר סיסטע-מאטיש ארויפקלעטערן אויף 20 קילאמעטער און העכער. דאס איז אונזער ערשטע ענטדעקונג. אונזער מאטעריעלער טייל האט אונז ערלויבט אין דער צייט פון פליה זייער גוט צו ארבייטען און אבסערווירען. נאכמעהר : בעת'ן פליה האבען מיר צוויי מאל געגעסען, אויפ'ן אפעטיט האבען מיר זיך נישט געקענט קלאגען. אונזער סטראטאסטאט איז געווען אויסגעצייכענט אויך דערמיט, וואס זיין לייפעך האט אין פאל פון נויט זיך געקענט פערוואנדלען אין א גרויסען פאלשירעם. אין משך פון 8 שעה מיט 15 מינוט האבען מיר אויסגע-פיהרט די אונז געשטעלטע אויפגאבען : מיר הא-בען אויסגעפרובט און אויסגעפארשט דעם מאטער-יעלען טייל פון סטראטאסטאט. איצט ווייסען מיר ווי ער פיהרט זיך אויף אזעלכע הויכען און מיר זע-נען זיכער, אז איצט וועלען מיר קענען סיסטע-מאטיש אויף איהם פליהען. מיר האבען גענומען פראבעס פון לופט אויף פערשידענע הויכען, וואס האט א גרויסע בעדייטונג פאר דער לופט-פליהע-ריי. אונזערע אויספארשונגען האבען אויך א גרוי-סע בעדייטונג פאר דער ראדיאפאניע. ס'איז פעסטגעשטעלט געווארען די אינטענסיווקייט פון די קאסמישע שטראהלען.

דער אויספיהר פון דעם עקיפאזש פון סטרא-טאסטאט איז, אז דער פליה האט א גרויסע בע-דייטונג נישט בלויז פאר דער וויסענשאפט און טעכניק, נאר אויך פאר דער שוצגרייטקייט פון ראטען-פערבאנד. אט פארוואס — האבען אויסגע-פיהרט די געסט פון [illegible] פליהער — מיר פליהען אין דער סטראטאספערע.

נייער פאָלקסבלאַט

דאָס לאָדזער לעבען

נייער פאָלקסבלאַט

נאָוועמבער

זון-אויפגאַנג 6.54

זון-אונטערגאַנג 3.46

מיטוואָך
14
ז
כסלו תרצ"ה

פאַר האַנדלען אין די נישט-דערלויבטע האַנדעלס-שעה'ן

בעשטראָפט 30 סוחרים פון 30 ביז 500 זלאָטעס שטראָף

פאַר האַנדלען אין די נישט-דערלויבטע האַנדעלס-שעה'ן, זענען פון דער סטאַראָסטווע בעשטראָפט געוואָרן פאָלגענדע קרעמער:

שלמה שווייצער (זאַכאָדניאַ 30) אויף 500 זל.; אברהם גורנצוויג (נאָוואָמיעסקאַ 7) — 250 זל.; זעליג זאַלצמאַן (גלובנאַ 24) — 500 זל.; פנחס שטיין (פּולנאָצנאַ 8) — 250 זל.; קלמן צוקערמאַן (נאָוואָמיעסקאַ 6) — 250 זל.; סאַלע בערלינער (גלובנאַ 47) — 150 זל.; ק. לעהרער (גדאַנסקאַ 1) — 100 זל.; ישראל לאַמפּערט (גלובנאַ 67) — 100 זל.; פעסע ראָזענבערג (בושעושינער 16) — 50 זל.; מרדכי אַמזעל (זגערזשער 8) — 100 זל.; שפּרינצע ווײַנבערג (פּאָלודניאָווע 25) — 150 זל.; פרידע ריטמאַן (נאַפּיורקאָווסקיעגאָ 3) 100 — זל.; י. טאַשעשניעווסקי (גלובנאַ 69) — 150 זל., רחל ליפשיץ (נאָוואָמיעסקאַ 26) — 150 זל.; שמחה ערדער (זגערזשער 20) — 100 זל.; שלום קאַראַנסקי (אַגראָדאָוואַ 5) — 150 זל.; בלימה מאַרקאָוויטש (6-טער שערפּיען 26) 100 זל.; לייב לוטקיעוויטש (נאָוואָמיעסקאַ 26) — 100 זל.; משה מאיר גליקסמאַן (שענקיעוויטשאַ 64) 150 זל.; חנה ראָזענבערג (פּיעטריקאָווער 60) — 30 זלאָטעס; יונה שײַנערט (11. ליסטאָפּאַד-גאַס 5) — 100 זלאָטעס; שרה עפּשטיין (גלובנאַ 60) — 100 זל.; פראַנטשישעק וואָלניצקי (קילינסקיעגאָ 162) — 100 זל.; יצחק כימאָוויטש (גדאַנסקאַ 11) — 150 זל.; טויבע ראָס (לאַטניטשאַ 13) — 50 זל.; שלמה שעכטער (ציגעל-גאַס 38) — 50 זל.; יודעל לעדערמאַן (גלובנאַ 22) — 150 זל.; אברהם פּייטער (לימאַנאָווסקיעגאָ 4) — 50 זל.; בערל גאָלדבערג (לימאַנאָווסקיעגאָ 26) — 150 זל.

רעגיסטראַציע פון יאָר-גאַנג 1914

היינט, מיטוואָך, דעם 14-טען נאָוועמבער דאַרפען זיך שטעלען די פּאָבאָראָווצעס פון 1914, וואָס וואוינען, אויפ'ן שטח פון 5-טען קאָמיסאַריאַט מיט די פאַמיליען-נעמען אויף די אותיות:

Z Ż Ź

און פון 14-טען קאָמיסאַריאַט אויף די אותיות:

L Ł M N O P

מאָרגן, דאָנערשטאָג, ד. 15 נאָוועמבער דאַרפען זיך שטעלען די פּאָבאָראָווצעס פון י. 1914 פון 6 קאָמיסאַריאַט מיט די פאַמיליען-נעמען אויף די אותיות:

פון A ביז L איינשליסלעך

און פון 14 קאָמיסאַריאַט אויף די אותיות:

R S Sz T U

דער קאַמף אַרום דעם פּראָיעקט וועגן פערבאַנדס-צוואַנג

(אַג) ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט האָט דער פערבאַנד פון די לוין-פאַרבערייען זיך געווענדעט צום האַנדעלס-מיניסטער מיט אַ מעמאָריאַל אין וועלכען עס ווערט בעגרינדעט די נויטווענדיגקייט איינצופיהרען דעם פערבאַנדס-צוואַנג. דאָס מיניסטעריום האָט איבערגעשיקט דעם מעמאָריאַל דער לאָדזער האַנדעלס-קאַמער מיט דער פאָדערונג זיך אַרויסצוזאָגען וועגען דעם פּראָיעקט. די האַנדעלס-קאַמער האָט זיך דעריבער געווענדעט צו די ווירטשאַפטליכע פעראיינען ווע־גען זייער שטעלונג צום פּראָיעקט, ווי בעוואוסט האָט דער פערבאַנד פון דער טעקסטיל-אינדוסטריע אין דער פּוילישער מלוכה אין דער פראַגע פון פערבאַנדס צוואַנג, אָנגענומען אַ קאַטעגאָריש נעגאַטיווע שטעלונג. איצט האָט אויך דער פאַבריקאַנטען פערבאַנד פון דער טעקסטיל-אינדוסטריע אויך זיך אַרויסגעזאָגט געגען פּראָיעקט איבער־שיקענדיג דער האַנדעלס-קאַמער אַ בריף אין וועל־כען עס ווערט צווישען אַנדערען געזאָגט פאָלגענ־דעס: מיר זענען געגען איינפיהרען פערבאַנדס-צוואַנג ווייל נאָר אין דער פרייער צוגעהעריגקייט צו אַ פערבאַנד זעהען מיר די מעגליכקייט פון ענטוויקלונג פון פערבאַנדס-לעבען. אַ אויסערליכער צוואַנג וואָלט אָהן שום ספק געהאַט אַ שלעכטען איינפלוס אויף דער סטרוקטור פון ווירטשאַפטליכען לעבען. דאָס וואָלט געווען אַ נישט בעגרינדעטע פּרעמיע פאַר פערבאַנדען מיט שוואַכע אָרגאַני־זאַציע פעהיגקייט און שוואַכער לעבהאַפטיגקייט, וואָס האָבען נישט בעוויזען זעלבסטשטענדיג צו בעהערשען די אָרגאַניזאַציע שוועריגקייטען און דורך אַ פּאָזיטיווע און נוצליכע טעטיגקייט בכדי צו געווינען מיטגלידער. דער בעסטער סימן, אַז וועגען איינפיהרען דעם פערבאַנדס צוואַנג בע־מיהט זיך אין דער ערשטער רייהע אַ פעראיין, וואָס האָט נאָר אַ פּאָר מיטגלידער און וואָס שפּילט נאָר אַ קליינע ראָלע אין ווירטשאַפטליכען לעבען.

צוגאַב-פּאָבאָר

(א) מאָרגן, דאָנערשטאָג, ד. 15 נאָוועמבער וועט זיין טעטיג אַ צוגאַב-פּאָבאָר-קאָמיסיע פאַר פּ.ק.או. לאָדז שטאָט 1, פּיעטריקאָווער 165, עס דאַרפען זיך שטעלען פּאָבאָראָווע פון יאָהרגאַנג 1913 און עלטערע, וועלכע האָבען נאָך נישט רעגולירט זייער מיליטער-פליכט און וואוינען אויפן שטח פון 11, 9, 8, 5, 3, 2 קאָמיסאַריאַטען.

דעם 28 נאָוועמבער וועט זיין טעטיג אַ צוגאַב-פּאָבאָר-קאָמיסיע פאַר פּ.ק.או. לאָדז 2, פּיעט־ריקאָווער 165. עס דאַרפען זיך אַהין שטעלען די פּאָבאָראָווצעס פון יאָהר 1913 און עלטערע, וועל־כע האָבען נישט רעגולירט זייער מיליטער-פליכט און וואוינען אויפן שטח פון 14, 13, 12, 10, 7, 6, 4, 1 קאָמיסאַריאַטען און האָבען בעקומען נאָ־מענטליכע אויפפאָדערונגען פון שטאָט-סטאַראָס־טווע.

וואַרשאווער באַנק-הויז האָט אַרויסגערופען

אַ קינסטליך פאַלען פון קורס פון דער 7-פּראָצענטיגער סטאַביליזאַציע-הלוואה

(אַג) די לעצטע טעג איז אויף דער וואַר־שעווער בערזע, ווי אויך אויף אַלע אַנדערע בער־זעס אין פּוילען פאָרגעקומען אַ בעדייטענדע ירידה פון דער 7-פּראָצענטיגער סטאַביליזאַציע-הלוואה. דער דאָזיגער פאַקט האָט אַרויסגערופען אַ גרויסע פערוואונדערונג, ווייל די דאָזיגע הלוואה האָט געהערט צו די ווערט-פּאַפּירען אויף וועלכע עס זענען נאָר פאָרגעקומען מינימאַלע קורס-וואַקלונגען. דעם 2 נאָוועמבער איז דער אָפיציעלער קורס פון די דאָזיגע פּאַפּירען געווען 78 זל. און דעם 12 נאָוועמבער איז ער שוין גע־פאַלען אויף 69 זל. דער דאָזיגער פאַקט האָט צווישען די בעזיצער פון די ווערט-פּאַפּירען אַרויס־גערופען אַנ'אמת'ע בהלה, צוליב וואָס דער אָנ־באָט פון די דאָזיגע ווערט-פּאַפּירען האָט זיך גע־וואַלטיג פערשטאַרקט און האָט גורם געווען צו אַ ווייטערדיגער אַפּשוואַכונג צו דער טענדענץ.

ווי עס ווייזט זיך אַרויס איז דאָס פאַלען פון דער סטאַביליזאַציע-הלוואה אַ רויסגערופען גע־וואָרען אויף אַ קינסטליכען אופן. איינציגע וואַר־שעווער בענק און בעזונדערס איינע פון די פּאָ־פּולערסטע וואַרשעווער באַנק-הייזער, וואָס האָט אין אַמער־יקאַ קאָלאָסאַלע פערפליכטונגען, האָט גע־וואָרפען אויפן מאַרק אַ בעדייטענדע צאָהל פּאַפּי־רען פון דער סטאַביליזאַציע-הלוואה, שפּעקולירענ־דיג אויף דער ירידה, בכדי שפּעטער צו קענען אויפקויפען צו נידריגערע פּרייזען און אויף אַזאַ אופן קענען דעקען מיט רווחים איהרע גרויסע פערפליכטונגען אין אַמעריקאַ. דאָס באַנק-הויז האָט אָבער נישט פאָראויסגעזעהען, אַז מיטן וואַרפען דעם קורס אין ווארשאַ, וועט אויך פאַלען דער קורס אין אַמעריקאַ, און עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער, אַז דאָס באַנק-הויז האָט פאַר־לוירען אַ קאָלאָסאַל פערמעגען, נאָכמעהר צוליב דעם, וואָס די בהלה צווישען די אינהאַבער פון דער סטאַביליזאַציע-הלוואה האָט זיך שוין איינגע־שטילט און דער קורס פון די פּאַפּירען הויבט איינצוגיווען ווידער אָן צו שטייגען. לויט דער מיינונג פון די היגע אָנגעזעהענסטע באַנק-פאַר־שטעהער, מוז דער קורס צוריקגעהען צו זיין פרי־הערדיגער הויך, ווייל עס איז אַבסאָלוט נישט פאַרהאַן קיין שום יסוד צוליב וואָס דער קורס זאָל דאַרפען פאַלען.

מען מאַהנט די פּראָצענטער

פאַר'ן נישט בעצאָהלען צו דער צייט דעם לאָקאַל-שטייער

(2) לויט ווי עס אינפאָרמירט אונז די לאָד־זער פינאַנץ-קאַמער, האָבען די היגע פינאַנץ-אַמטען אָנגעהויבען פונאַנדערשיקען צו די צאָהלערס פון לאָקאַל-שטייער דערמאַהנונגען וועגען די פּראָצענ־טער פאַר'ן אָפּשלעפּען ביים צאָהלען די קוואַר־טאַל-ראַטעס.

די דאָזיגע פּראָצענטער מאַכען אויס 9 פּראָצענט יעהרליך.

דערביי ווערען אויפגעמאַהנט די שטראָפען פאַר'ן נישט צאָהלען צו דער צייט פאַר די פער־גאַנגענע יאָהרען – פון 1930, ווייל די לאָדזער שטאָט-פערוואַלטונג, וועלכע האָט בשעתו געדאַרפט איינקאַסירען דעם דאָזיגען שטייער, האָט נישט רעאַליזירט די פּראָצענטער.

אַפּטייקען

היינטיגע נאַכט-דיזשורען

(2) היינט ביינאַכט דיזשורירען: ק. ליינוועבער (פרייהייטס-פּלאַץ 2), י. האַרטמאַן (מלינאַרסקאַ 1), וו. דאַנילעצקי (פּיעטריקאָווער 127), פּערעלמאַן (ציגעל-גאַס 32), י. צימער וואָלטשאַנסקאַ 37), פּ. וואָיטשיצקי (נאַפּיורקאָווסקיעגאָ 27.

די ווינטער-פעריען

פון 22 דעצעמבער ביז'ן 15 יאַנואַר

(2) לויט ווי עס אינפאָרמירט אונז דער לאָד־זער שול-אינספּעקטאָראַט, האָט דאָס בילדונגס-מי־ניסטעריום, — טראָץ די פערשידענע בעמיהונגען צו ענדערען די צייט פון די ווינטער-פעריען — בע־שלאָסען צו דערהאַלטען דעם ביז־איצטיגען טער־מין פון די פעריען אין די פאָלקס- און מיטעל־שולען.

די הפסקה אין די לימודים וועט, אַלזאָ, פּונקט ווי אין'ם פאָריגען יאָהר, זיך אָנהויבען דעם 22. דעצעמבער ה.י. און וועט געדויערען ביזן 15־טען יאַנואַר 1935.

Dr.
Wołkowyski
האָט זיך איבערגעצויגען אויף
ציגעל-גאַס 11, טעל. 238-02
נעהמט אָן אין הויט- און ווענערישע
קראַנקהייטען, מענער-שוואַכע
נעהמט אָן פון 8–12 ביי טאָג און פון 4–9 אָוונד.

Dr. Z. Henrykowski
ספּעציאַל-אַרצט פאַר ווענערישע
הויט-קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע
האָט זיך איבערגעצויגען אויף
פּיעטריקאָווער 86
טעל. 143-63
נעהמט אָן פון 8 – 11 און פון 6—9 אָוונד.
פאַר פרויען אַ ספּעציעלער וואַרטע זאַל.
פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פּרייזען.

גאַנץ לאָדז!
גרייט זיך אויף דעם פרייטאָג, דעם 16-טען נאָוועמבער צו דעם
גראַנדיעזען קבלת-פנים
פון דעם יודיש-דייטשען שוישפּילער און רעזשיסער
פון בערלינער שטאָט-טעאַטער און לעסינג-טעאַטער
קורט קאַטש
אין דער גרעסטער טעאַטער-סענסאַציע
„סערזשאַנט גרישא"

לעזט וואָס די פּרעסע שרייבט וועגען קורט קאַטש:

... קורט קאַטש איז פּשוט אַ דערפרישונג אין יודישען טעאַטער... ער איז נישט נאָר אַ גוטער אַקטיאָר, נאָר אויך אַ בעל-מופת, ער האָט טאַקע בעוויזען וואונדער.
טועקנעהעגדינג אַלס קינד פון דער היים און שפּילענדיג אַ לעבען אין דייטש, האָט ער זיך אין אַזאַ קורצער צייט אויסגעלערנט יודיש... דער עיקר איז, וואָס נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך אָנגעזעהן און אָנגעהערט מיט שדים ווים וואָס, זעהען מיר ביי קורט קאַטש'ן אַ פאָרשטעלונג פון אַ העכערען קונסט-ניוואָ און טיפער טעאַטער-קולטור. און דערפאַר איז ער ווערט אַ יישר-כוח".
(מונקאַטשער — „טאַטעמט')

קלאַנג-קינא
„MIRAŻ"
11 ליסטאָפּאַד (קאָנסטאַנט.) 16
היינט און פאָלג. טעג!
איינציגער סאָוויעטישער פילם, וואָס ווערט גערעדט און געזונגען יודיש און שפּיגעלט אָפּ דאָס לעבען פון די יודען אין ראַטען-פערבאַנד א. נ.
דער צוריקקעהר
פון
נאַטאַן בעקער
אין דער הויפּט-ראָל: דער גענימלער
מיכאָעלס
אויסגעצייכנעטער אַקטיאָר פון ראַטען-פערבאַנד.

מעמאָריאַל פון לאָדזער האַנדווערקער

מכוח דער רעפאָרם פון אומזאַץ-שטייער

(2) ווי מיר דערוויסען זיך האָבען די האַנד־ווערקער־צעכען אין לאָדז אויסגעאַרבייט אַ מעמאָ־ריאַל צו דער מיניסטעריאַל־מאַכט מכוח דער רע־פאָרם פון אומזאַץ־שטייער.

לויט דער מיינונג פון די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס דאַרף דער ריטשאַלט פון דעם אומזאַץ־שטייער דער־האַלטען ווערען מחוץ דער בעשטייערונג פון יאַטקע, פליישער, בעקערייען און צוקערנע־וואַרשטאַטען,. וואו די אומזאַצען ווערען כסדר געענדערט צוליב די שטאַרקע וואַקלונגען פון דער קאָנסומציע.

די האַנדווערקער ליגען פאָר, אַז ביים שאַצען דעם אינדוסטריע־שטייער פאַרן יאָהר 1934, זאָל ער בערעכענט ווערען לויט דעם דורכשניטליכען אומזאַץ, פאַר די יאָהרען 1930־31, פערקלענערט פינף יאָהר זענען די אומזאַצען אין די האַנדווערקער אויף 50 פּראָצענט, מחמת אין משך פון די לעצטע וואַרשטאַטען געפאַלען אויף אַ העלפט.

אויפרוף צו אַלע יודישע האַנדווערקער אין פּוילען

די צײַטווײַליגע עקזעקוטיווע פון דעם צענטראַלען יודישען האַנדווערקער־פערבאַנד אין פּוילען (וואַרשע, ביעלאַנסקע 7) אין דעם צוזאַמענשטעל פון אַדוו. מענדעלסבערג (פּרעזעס), לעאָ פינקעלשטיין, י. ל. וואַשביצקי, א. טרעפּמאַן, מ. ליפּצקי און א. לעבער (דירעקטאָר) האָבען פערעפענטליכט פאָלגענדען אויפרוף צו אַלע יודישע האַנדווערקער אין פּוילען:

„די לעצטע געשעהענישען אין דער האַנדווערקער־באַוועגונג האָבען דערפירט צו אַ קריזיס אין דער לייטונג פון „צענטראַלען יודישען האַנדווערקער פערבאַנד“ אין פּוילען. אַלס רעזולטאַט דערפון האָט אויף דער פּלענאַר זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט דעם 23[10 ד. י. די עקזעקוטיווע זיך אַנגעגעבען אין דימיסיע. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אויפ'ן אָרט פון דער עקזעקוטיווע אויסגעוועהלט אַ צײַטווײַליגע פערוואַלטונג, וועלכע דאַרף אָנפיהרען מיט די אַגענדען פון פערבאַנד. צ. י. אַנד. האָט דאָס פּראַ־ווידאַריום די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירען אַן אָביעקטיוו געזעלשאַפטליך געריכט, וואָס דאַרף גרינדליך אויספאָרשען די פאַר־וואָרפען, וואָס זענען עפענטליך געמאַכט געוואָרען דער ביז־איצטיגער לייטונג בכלל און דעם פּרעזעס פון עקזעקוטיוו בפרט. אויך האָט די צײַטווײַליגע פערוואַלטונג די אויפגאַבע דורכצופיהרען אַ גרינדליכע סאַנאַציע אין פערבאַנד און נאָכדעם צוגרייטען דעם האַנדווערקער־קאָנגרעס.

צום קריזיס אין דער פערבאַנדס־לייטונג האָבען גורם געווען אַ גאַנצע רייהע סיבות פון געזעל־שאַפטליכען כאַראַקטער, צ. י. אַנד. די פּאָליטיק פון פערבאַנד׳ אין דער פראַגע פון אינדוסטריע־געזעץ, ווי אויך דער צירקולאַר פון פערבאַנד פון די האַנד־ווערקער־קאַמערען וועגען נישט צולאָזען צו קוואַ־ליפיקאַציע עקזאַמען האַנדווערקער יונגערע פון 30 יאָהר. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער ליניע פון דער האַנדווערקער פערוואַלטונג, וועלכע אונזער פערבאַנד האָט נישט געפּרובט זיך ענטגעגענשטעלען. די עפענטליכקייט האָט געמאַכט אונזער פערבאַנד פעראַנטוואָרטליך פאַר די דערמאַנטע ליניע פון דער האַנדווערקער זעלבסט־פערוואַלטונג. אויסער דעם זע־נען געמאַכט געוואָרען אַ גאַנצע רייהע אַנדערע פאַר־וואָרפען, וועלכע וועלען, איבריגענס, זײַן אַבי־אָביעקט פון אַ געזעלשאַפטליכען געריכט, וועלכעס די צײַטווײַליגע פערוואַלטונג וועט בקרוב אָרגאַ־ניזירען.

נאָך די דערמאַנטע אויפטרייסלונגען האָט דער צענטראַלער יודישער האַנדווערקער־פערבאַנד זיך גע־פונען אין אַן אויסערגעוועהנליך שווערער לאַגע. די צײַטווײַליגע פערוואַלטונג גיט זיך אַ קלאָרען חשבון וועגען דער גרויסער געפאַהר פאַר דעם קיום פון דער יודישער האַנדווערקער־אָרגאַניזאַציע. וועגען דער אָרגאַניזאַציאָנעלער צופאַרענקייט אין די האַנדווערקער־רייהען. אין דעם דאָזיגען קריטישען מאָמענט האָט די צײַטווײַליגע פערוואַלטונג גענומען אויף זיך אַ זעהר שווערע אויפגאַבע דורכצופיהרען אַ מאָראַלישע און פינאַנציעלע סאַנאַציע. עס מוז אונטערגעשטראָכען ווערען, אַז די צײַטווײַליגע פער־וואַלטונג איז צוגעטרעטען צו דער אַרבייט בײַ אויסערגעוועהנליך שווערע פינאַנסיעלע בעדינגונגען. נישט אַכטענדיג דערויף, גלויבט זי אין איהר ערפאָלג, האָפענדיג די טיפע איבערצייגונג, אַז די יודישע האַנדווערקער־מאַסען פערשטעהען אויסגע־צייכענט, אַז אַ צענטראַלע האַנדווערקער־אָרגאַני־זאַציע, וועלכע זאָל אָנפיהרען מיט די אינטערעסען פון די יודישע בעלי־מלאכות איז נויטיג און מוז עקזיסטירען. די צײַטווײַליגע פערוואַלטונג גלויבט דערבער צו בעקומען אונטערשטיצונג בײַ די האַנד־ווערקער אין גאַנצען לאַנד, סײַ אין וואַרשע סײַ אויף דער פּראָווינץ.

די צײַטווײַליגע פערוואַלטונג וועט קודם כל שטרעבען צו שאַפען אַ דיסציפּלינירטע אָרגאַני־זאַציע מיט פאַקטישע מיטגלידער. ביז איצט איז דער פערבאַנד אַ־ויסגעטרעטען אין נאָמען פון הונדערטער טויזענדער מיטגלידער. פאַקטיש אָבער האָט אַן אונבעדייטענדער פּראָצענט דערפיהלט די פליכטען פון אַ קצבה לגבי דער אָרגאַניזאַציע. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען מיט די אָפּטיילונגען. די צײַטווײַליגע פערוואַלטונג וועט דורכפיהרען אָנ־ווענדען דעם פּרינציפּ, אַז אַלס אָנגעשלאָסענע פעראײַנען און מיטגלידער וועלען בעטראַכט ווערען נאָר די יעניגע, וועלכע טראָגען רעגולער זייערע פליכטען פון אַבצאָהל. דעם דאָזיגען פּרינציפּ וועט די צײַט־ווײַליגע פערוואַלטונג שטרענג אָבהיטען, ווייל נאָר אויף אַזאַ אופן וועט מעגליך זײַן דורכצופיהרען אַ גרינדליכע רעאָרגאַניזאַציע.

בנוגע דער מאָראַלישער זײַט וועט דאָס פּראָ־ווידאַריום זאָרגען, אַז עס זאָל געמאַכט ווערען אַ סוף צו די פערפיהרענדע פּוסטע הבטחות, אַז אין דער האַנדווערקער־אָרגאַניזאַציע זאָל הערשען דער־אמת און אַז צום אַרויסגעוואָנטען וואָרט דורך אַ האַנדווערקער־פיהרער זאָל מען זיך מוזען בעציהען מיט דרך־ארץ.

די צײַטווײַליגע פערוואַלטונג ווענדעט זיך דער־ריבער צו אײַך, יודישע האַנדווערקער, מיט דעם הייסען אַפּעל, אַז אין איצטיגען ערנסטען מאָמענט זאָלט איהר זיך ענג צונויפשליסען אין די רייהען און שטעהן אויף דער וואַך פאַר'ן קיום און גאַנצ־קייט פאַר דער אָרגאַניזאַציע. אָבהיטען די אחדות, טראָגען די אחריות פאַר דער אָרגאַניזאַציע, אויסמײַ־דען יעטוועדע פערזענליכע אַמביציעס אויפ'ן חשבון פון דער אָרגאַניזאַציע און אָבהיטען דעם אמת און ערליכקייט אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיגקייט.

די פאַר פעראײַנען און צעכען, וועלכע זענען צוליב וועלכע עס איז סיבות געשטאַנען מחוץ דער אָרגאַניזאַציע, דאַרפען זיך איצט אין איהר צוריק אָנשליסען, כדי צוזאַמען צו בילדען אַן אײַנהייטליך אָרגאַניזירטע יודישע האַנדווערקער־משפחה לטובת די געמיינזאַמע אינטערעסען פון דער יודישער מלאכה.

חברים האַנדווערקער! אין אַנבליק פון דער דראָהענדער געפאַהר, ווענדען מיר זיך צו אײַך מיט דעם רוף, אַז איהר זאָלט מיט געמיינזאַמע כוחות מיטהעלפען, אַז די צענטראַלע זאָל קאָנען אָנהויבען איהר טעטיגקייט אויף נײַע יסודות“. (יט“א)

טעאַטער „פילהאַרמאָניע“ נאַרוטאָוויטש־גאַס 20 טעל. 213-84

אַ פּראָגראַם, וואָס שטײַגט איבער אַלץ, וואָס לאָדז האָט ביז יעצט געזעהען!

די יודישע באַנדע

אין איהר גרויסען רעקאָרד־פּראָגראַם

זאַל לעבען עמך!

פרײַטאָג, ד. 16־טן, 9 אָוונט / שבת, ד. 17־טן, 4 נאָכמ.

שבת, ד. 17־טן, 9 אָוונט / זונטאָג, ד. 18־טן, 12 פריה / זונטאָג, ד. 18־טן, 9 אָוונט

אָוונט־פּרײַזן: פון 60 גר. ביז 2 זל.

שבת 4 נאָכמ. און זונטאָג 12 פריה אַלע פּלעצער אין פּאַרטער 1 זל. קינדער פרײַ!

היינט, מיטוואָך, שפּילט די „יודישע באַנדע“ אין פּאַביאַניץ, מאָרגען, דאָנערשטאָג — אין טאָמאַשאָוו.

אַ פעראָרדנונג

וועגען הויבען דעם סאַניטאַרען מצב פון די פאָלקס־שולען

(2) דער לאָדזער שול־אינספּעקטאָר האָט אַרויסגעגעבען צו אַלע לייטערס פון די פאָלקס־שולען אַ פעראָרדנונג וועגען הויבען די סאַניטאַר־מדרגה אין אַלע היגע פאָלקס־שולען.

אַן אָבשריפט פון דער דאָזיגער פעראָרדנונג איז אויך אַריבערגעשיקט געוואָרען צום לאָדזער וואָיע־וואָדע, ה' האַוקע־נאָוואַק, מיט דער בקשה ער זאָל אַרויסגעבען ענטשפּרעכענדע פעראָרדנונגען.

זעלבסטמאָרדען

(א) אין קלעטשעוו, קאָלינער קרײַז, האָט זיך מחמת ענטוישונג אין ליבע געסמט אויף טויט די 23־יעהריגע סטעפאַניאַ וואָיטשעכאָווסקאַ.

* * *

(א) מחמת מחלוקתן אין דער משפחה האָט זיך געסמט מיט סובלימאַט אַ געוויסע הענריקאַ דושעוואָווסקאַ אויף מאַלאַרגאַס 4).

אין אַ שווערען צושטאַנד האָט מען זי אָבגע־פיהרט אין שפּיטאָל.

נישט מעהר, ווי 400 זלאָטעס

און גאַלעק ווייזט, אַז ער איז אַ גאַלענער...

(2) לכתחילה האָט זיך הענריק גאַלעק (גדאַנ־סקאַ 12) אַלס אינקאַסענט פון דער פירמע „העני־ריק ערעלבוים“ (פּאָלודניאָוואַ 59) אויפגעפיהרט גאַר אָרענטליך און לייטיש.

אַן אינקאַסענט מיט אינקאַסענטען גלייך!

די טעג האָט ער אָבער משמעות חרטה געהאַט אויף זײַן לייטישקייט — און ער שיקט צו דער פירמע א. צעלניק (לימאַנאָווסקיעגאָ 27), אײַנקאַ־סירט דאָרט פיר הונדערט זלאָטעס פאַר ערעלבוי־מען און — איז בעלם געוואָרען.

אַ זעלטענער מענש — דער דאָזיגער גאַלעק... אַזאַ איבעם אין צו זוכען און צו זוכען... אפילו פּאָליצײַ זוכט איהם איצט.

ליקווידירט דעם סכסוך אין דער שנײַדער־בראַנזשע

(2) עהערנעכטען אין די אָוענד־שעה איז פאָר־געקומען אַ קאָנפערענץ צווישען די שנײַדער־מײַס־טערס און געזעלען מכוחן ליקווידירען דעם סכסוך אין דער שנײַדער־בראַנזשע, וואָס דויערט שוין קרוב אַ חודש צײַט.

אויף דער דאָזיגער קאָנפערענץ איז ענדליך געקומען צו אַ הסכם לויט וועלכען מען האָט בעשלאָסען אַנצווענדען דעם לוין־טאַריף פון י. 1925, וואָס האָט זיך געטיילט אויף דרײַ קאַטעגאָריעס און לויט וועלכען פאַרן אויפנייען אַ מאַרינאַרקע פלעגט אַ געזעלען 1 קאַטעגאָריע בעקומען 40 זלאָטעס, 2 קאַטעגאָריע — 25 און 3 קאַטעגאָריע — 21 זלאָטעס, און פאַרן אויפנייען אַ פּאָר הויזען — 12, 8 און 5 זלאָטעס. 3

דער דאָזיגער צעכביק גייט אַרײַן אין קראַפט דעם קומענדיגען מאָנטאָג.

ווער איז משוגע?

אַן אויסוואָרף פערגוואַלטיגט אַ גייסטיג־קראַנקע

(א) נעכטען איז אין קרײַז־געריכט פאָרגעקומען אַ פּראָצעס בײַ פערמאַכטע טירען.

עס איז געמשפּט געוואָרען דער 25־יעהריגער זלאָדיסלאַוו פּאַלקאָווסקי, וועלכער האָט דעם 25־טען מערץ ה. י. פערגוואַלטיגט אויפן ראַדאָגאָשטשער צעמענטאַזש די גייסטיג־קראַנקע יאַנינאַ מיכאַלאָוויטש.

DR.

L. Czarnożył

וואוינט יעצט אויף

פּיעטריקאָווער 62 טעל. 224-94

און נעהמט אָן פון 9.30 ביז 10.30 פאַרמיטאָג און פון 4–6 נאָכמ.

ספּעצ. האַרץ־קראַנקהייטען

זאַל „פילהאַרמאָניע“ טעל. 213-84

היינט מיטוואָך, דעם 14 נאָוועמבער, 8.30 אָוונט

VI מײַסטער־קאָנצערט

Imre UNGAR

פּיאַניסט פון וועלט־רוהם

לאַורעאַט פון שאָפּען־קאָנקורס

אין פּראָגראַם: שאָפּונגען פון באַך, מאָצאַרט, בעטהאָווען, שומאַן, שאָפּען א. אַ.

בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון פילהאַרמאָניע.

Bank Handlowy w Łodzi

Spółka Akcyjna

Kościuszki 15

przyjmuje za niewielką opłatą

na przechowanie kufry, walizy, kosze i t. p.

które lokuje w urządzonym według wymagań nowoczesnej techniki SKARBCU.

זעלבסטמאָרד פון וואָזשני אין „באַנק פּאָלסקי“

(2) דער פּאָליציאַנט, וועלכער שטעהט אויף דער וואַך פאַר'ן „באַנק־פּאָלסקי“ קאָשטשושקי 14 האָט נעכטען אין אָוונט דערהערט אַ רעוואָלווער שאָס פון הויז, וואו ס'געפינט זיך די באַנק. ער איז אַרײַנגעלאָפען אינעווייניג און דאָ האָט ער דערזעהען אין קאָרידאָר דעם וואָזשני פון דער באַנק סטעפאַן מאַך אין אַ קאַלוזשע בלוט. ס'איז אַלאַרמירט געוואָרען די פּאָגאָטאָוויע. דער דאָק־טאָר האָט קאָנסטאַטירט דעם טויט, ווי ס'שטעלט זיך אַרויס איז מאַך בעגאַנגען זעלבסטמאָרד.

היינט קאָנצערט פון אימרע אונגאַר אין פילהאַרמאָניע

היינט אָוונט קומט פאָר אין פילהאַרמאָניע, דער לאַנג ערוואַרטעטער קאָנצערט פון וועלט־בעריהמטען פּיאַניסט אימרע אונגאַר, לאַורעאַט פון שאָפּען־קאָנקורס.

אין פּראָגראַם די שאָפונגען פון באַך, מאָצאַרט, בעטהאָווען, שומאַן און שאָפּען.

קאָנצערט פון פּרעטשקאַן אָבגעלעגט

צוליב דער פּלוצלינגער קראַנקהייט איז דער אויפטריט פון זינגערין פּרעטשקאַ געוואָרען אָבגע־לעגט, וועגען טערמין וועט בעזונדערס געמאָלדען ווערען.

לעצטע 2 גאַסטשפּילען פון אידאַ קאַמינסקאַ

די לעצטע 2 פאָרשטעלונגען אין „ראָזמאַי־טאָשטשי“־טעאַטער פון דער בעריהמטער קינסטלע־רין אידאַ קאַמינסקאַ ווערען געגעבען היינט און מאָרגען.

היינט ווערט געשפּילט דער סענסאַציאָנעלער ביהנע־רעפּערטואַר „פרײַליין דאָקטאָר“ מיט אידאַ קאַמינסקאַ אין דער טיטול־ראָלע.

מאָרגען קומט פאָר דער געזעגנונגס־אָוונט און לעצטער גאַסטשפּיל פון אידאַ קאַמינסקאַ.

ס'איז מעהר ווי זיכער, אַז דער לאָדזער טעאַטער־עולם וועט קומען היינט און מאָרגען זיך געזעגענען מיט זייער ליבלינג.

פרײַטאָג — ערשטער אויפטריט פון קורט קאַטש

איבערמאָרגען, פרײַטאָג, קומט פאָר דער ערשטער פײַערליכער אויפטריט פון יודיש־דײַטשען שוישפּילער און רעזשיסער קורט קאַטש אין טעאַ־טער „ראָזמאַיטאָשטשי“.

צו זײַן ערשטען דעביוט אין לאָדז האָט קורט קאַטש אויסגעקליבען איינע פון זײַנע ער־פאָלגרײַכסטע קרעאַציעס — די טיטול־ראָלע אין אַרנאָלד צווייגס גרויסע מלחמה־פּיעסע „סערזשאַנט גרישאַ“.

שטאָטיש טעאַטער

היינט ווערט אין שטאָטישען טעאַטער גע־געבען אַ פּרעמיערע די קאָמעדיע „אָלימפּיאַ“ פון פערענץ מאָלנאַר.

נאָך אַ פּאָפּולערער טעאַטער אין לאָדז

(2) ווי מיר דערוויסען זיך איז מען צוגע־טראָטען צום איבערבויען „שייבלער און גראָהמאַנס“ זאַל אויף פּשעדזאַלניאַנאַ 68 אויף אַ פּאָפּולערען אַרבייטער טעאַטער, אונטער דער אָנפיהרונג פון ד"ר. מיעטשיסלאַוו וויבקלער.

ראַדיאָ־פּראָגראַם

מיטוואָך. ד. 14 נאָוועמבער 1934

6.45 פריהמאָרגען־אוידיציע, 6,48 פּליטען, 6,52 גימנאַסטיק, 7,07 פּליטען, 7,15 מאָרגען־ידיעות, 7,25 פּליטען, 7,50 רעקלאַמע־קאָנצערט, 11,57 צײַט־סיגנאַל, 12,03 ידיעות, 12,05 פּרעסע 12,10 קאָנצערט, 1 מאָרגען־ידיעות, 1,05 פּליטען, 3,20 עקספּאָרט' 3,35 בערזע, 4,45 שמועס פאַר קינדער, 5 פּירעל־קאָנצערט, 5,25 שמועס פאַר פּרויען, 5,35 אַריעס, 5,50 ספּאָרט־ראַטגעבער, 6 פּליטען, 6,10 רעפּערטואַר פון די טעאַטערן, 6,15 קאָנצערט, 6,45 רעפּערטאַזש, 7 לידער פון די קלאַנג־פילמען, 7,20 אַקטועלער שמועס, 7,50 ספּאָרט, 8 „מיצקיעוויטש־אָוונט“ 8,45 אָוונט־ידיעות, 9 שאָפּין־קאָנצערט. 9,30 פּליטען, 10 רעק־לאַמע־קאָנצערט, 10.15 מוזיק, 11 ידיעות, קאָ־מוניקאַטען, 11,05 טאַנץ־מוזיק.

מעלדונג

הנחה בילעטען אין טעאַטערס און קינאָס

די קולטור־קאָמיסיע בײַ דער באָראָכאָוו־ביבליאָטעק אָרדענט אײַן הנחה פרימאָרגענס און גיט אַרויס הנחה־בילעטען אין קינאָס און טע־אַטערס.

די הנחות זענען זעהר גרויסע און גילטיג אויף אַלע סעאַנסען און פּרעמיערעס.

שבת, דעם 17־טען קומט פאָר 2 פריהמאָר־גענס אין קינאָ „ראַקעטאַ“ שענקעוויטש 40 פון דעם בעריהמטען פילם „Wiosenna Parada“ מיט פראַנטשישקאַ גאַל אין דער הויפּט־ראָל, אָנ־הויב 10,30 און 12,15 פריה.

מיר גיבען אויך אַרויס הנחה בילעטען אין טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי“.

וואָס האָט געבראַכט צום אָפּלעגען די שאַפונג פונ׳ם לעגיסלאַטיווען־ראַט אין ארץ־ישראל

די קאָמפּליקאַציעס נאָך די וואַהלען צו דער ירושלימ׳ער שטאָט־פערוואַלטונג. — טעכנישע און פּרינציפּיעלע שוועריגקייטען. — דער דורכפאַל פון נאַשאַשיבי ביי די ירושלימ׳ער וואַהלען געשאַפען אַ נייע סיטואַציע אינם אַראַבישען לאַגער. — די אויפקלערונג פון דער נייער סיטואַציע פאָדערט צייט

ירושלים. חוץ דעם ענערגישען און שאַרפען קאַמף מצד דער ליטונג פון דער יודישער אַגענץ, — זענען די קאָמפּליקאַציעס, וואָס זענען אָנגעקומען אַלס רעזולטאַט פון די לעצטע וואַהלען צו דער ירושלימ׳ער שטאָט־פערוואַלטונג, ווי עס שיינט, געווען איינער פון די הויפּט־גורמים, וועלכע האָבען געבראַכט צום אָפּלייגען די פערווירקליכונג פון דעם פּלאַן יעצט שאַפען אַ לעגיסלאַטיווען ראַט אין ארץ־ישראל.

געגען די רעזולטאַטען פון די ירושלימ׳ער שטאָט־ראַט וואַהלען זענען דערלאַנגט געוואָרען אַ רייהע פּראָטעסטען, וואָס וועלען אין די נאָהענטסטע טעג בעהאַנדעלט ווערען דורכ׳ן געריכט. עס איז באַטייליך שווער צו וויסען פאָראויס ווי אַזוי עס וועט אויספאַלען די ענטשיידונג פונ׳ם געריכט. עס איז נישט אויסגעשלאָסען, אַז אין געוויסע וואַהל־בעצירקען וועלען פעראָרדנט ווערען נייע וואַהלען. יעדענפאַלס שלעפּט דאָס אָפּ אויף אַ געוויסע צייט, דאָס אָרדענען די ענינים פון דער ירושלימ׳ער שטאָט־פערוואַלטונג און ממילא פערהאַלט דאָס אויך די שאַפונג פון דעם לעגיסלאַטיווען ראַט, ווייל דער פּלאַן פון דער ארץ־ישראל׳דיגער רעגירונג איז, ווי בעקאַנט, געווען צוצוטרעטען צו דער בילדונג פון דעם לעגיסלאַטיווען ראַט ערשט נאָכדעם, ווי אַלע שטאָטישע זעלבסטפערוואַלטונגען אין ארץ־ישראל וועלען שוין זיין ענטגילטיג קאָנסטיטואירט.

עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז דאָס אָפּלייגען די שאַפונג פון דעם לעגיסלאַטיווען ראַט איז אַ רעזולטאַט בלויז פון טעכנישע שטערונגען. עס שיינט, אַז די רעגירונג האָט זיך אָנגעשטויסען אויך אויף ערנסטע פּרינציפּיעלע שוועריגקייטען, וואָס האָבען זי געצוואונגען צו אָריענטירען זיך פון דאָס ניי און נאָך אַמאָל צו בעטראַכטען דעם ענין אין ליכט פון דער נייער פּאָליטישער סיטואַציע אינ׳ם אַראַבישען לאַגער.

די ארץ־ישראלדיגע רעגירונג איז נאַטירליך פּערזאָנליך אינטערעסירט דערין, אַז אין דער לעגיסלאַטיווען ראַט זאָלען זיך בעטייליגען אַלע טיילען פון דער ארץ־ישראלדיגער בעפעלקערונג און אויך ביידע אַראַבישע פּאַרטייען, סיי די פּאַרטיי פונ׳ם מופטי און סיי די אָפּאָזיציע־פּאַרטיי, און איהרע פּלענער האָט אָבער די רעגירונג, ווי עס ווייזט אויס, זיך גערעכענט דערמיט אַז אין דעם לעגיסלאַטיווען ראַט וועט די אַראַבישע אָפּאָזיציע־פּאַרטיי אונטער דער פיהרונג פון דעם געוועזענעם ירושלימער שטאָט־פּרעזידענט ראַגעב נאַשאַשיבי זיין איהר הויפּט־שטיצע און זי וועט אין אַ געוויסען זין שפּילען די ראָל פון דער רעגירונגס־פּאַרטיי, בפרט ווען דער יודישער ישוב וועט זיך אין לעגיסלאַטיווען ראַט נישט בעטייליגען.

דער דורכפאַל פון נאַשאַשיבי ביי די וואַהלען צו דער ירושלימער שטאָט־פערוואַלטונג האָט געמוזט ביי דער רעגירונג אַרויסרופען ערנסטע ספקות בנוגע דער קראַפט און בעדייטונג פון דער אָפּאָזיציע־פּאַרטיי בכלל, יעדענפאַלס אונטער איהר איצטיגער פיהרערשאַפט. אויב מען זאָל בעטראַכטען די שטאָט־ראַט־וואַהלען אין ירושלים אַלס אַ וואַמין קראַפט־פּראָבע פאַר די וואַהלען צום לעגיסלאַטיווען ראַט, און נאָך די דאָזיגע וואַהלען יעדענפאַלס זעהר שווער צו ערוואַרטען אַ גרויסען נצחון מצד דער אָפּאָזיציע־פּאַרטיי אויך ביי די וואַהלען צום לעגיסלאַטיווען ראַט. עס איז אַלזאָ מעגליך, אַז די רעגירונג האָט דערזעהען פאַר זיך די געפאַהר, דאָס אין לעגיסלאַטיווען ראַט קאָן די מופטי־פּאַרטיי האָבען די מעהרהייט פון די געוועהלטע מיטגלידער, און הגם די רעגירונג האָט זיך בעמיהט צו בעאיינפלוסען די מופטי־פּאַרטיי די זאָל זיך בעטייליגען אין לעגיסלאַטיווען ראַט, האָט זי אָבער דערביי בשום אופן נישט געוואָלט, אַז די מופטי־גרופּע זאָל זיין די הערשענדע אין דעם ראַט. דער דאָזיגער מצב איבערהאַלב דעם אַראַבישען לאַגער האָט אָפּגעשטעלט פאַר דער ארץ־ישראלדיגער רעגירונג אַ רייהע נייע פראַגען, וואָס זייער פערענטפערונג פאָדערט צייט און אויף יעדען פאַל אַ געוויסע פּויזע אין די הכנות צום לעגיסלאַטיווען ראַט. און די דאָזיגע פראַגען זענען קודם־כל:

צי זענען די רעזולטאַטען פון די שטאָט־ראַט וואַהלען אין ירושלים ווירקליך אַ בעווייז פון דער אָשוואַכונג פון דער אַראַבישער אָפּאָזיציע־פּאַרטיי, אָדער איז דאָס געווען בלויז אַ צופעליגע מפּלה? צי בעווייזט דער נצחון פון ד״ר כאַלדי איבער דעם בין־איצטיגען שטאָט־פּרעזידענט נאַשאַשיבי, אַז די פּאַ״ציע פונ׳ם מופטי איז לעצטענס שטאַרקער געוואָרען אין דער אַראַבישער עפענטליכקייט. אָדער דאָס בעווייזט בלויז אַן איבערגרופּירונג פון די כּחות אינערהאַלב דער אָפּאָזיציע־פּאַרטיי גופא? אויב די ירושלימער וואַהלען האָבען אין דער ווירקליכקייט געגעבען אַ קלאַפּ דער אָפּאָזיציע און פערשטאַרקט דעם מופטי, צי קאָן מען האָפען דערויף, דאָס אין משך פון אַ געוויסער צייט וועט די אָפּאָזיציע־פּאַרטיי קומען צו זיך פון דעם קלאַפּ און וועט ווידער געווינען איהר פריהערדיגע שטעלונג, אָדער מען מוז דערפון רעזיגנירען און זוכען אַ וועג ווי אַזוי צו זיכערען זיך אַ מעסיגע שטעלונג פון דער מופטי־פּאַרטיי, וואָס זאָל ערמעגליכען אַ צוזאַמענאַרבייט מיט איהר אין דעם לעגיסלאַטיווען ראַט?

דאָס אויפקלערען די דאָזיגע אַלע פראַגען פערלאַנגט צייט. יעדענפאַלס וועט זיך דאָס פערצייהען איבער דעם גאַנצען ווינטער.

אין ליכט פון דער דאָזיגער ענטוויקלונג בעקומען אַ נייע בעדייטונג די אַנשטרענגונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען מיטן צוועק צו שטיצען נאַשאַשיבין בעת די ירושלימער וואַהלען. דער דורכפאַל פונ׳ם בין־איצטיגען ירושלימער שטאָט־פּרעזידענט האָט נישט נאָר געעפענט אַ מעגליכקייט צו סאַנירען די פערהעלטנישען און די ווירטשאַפט פון דער ירושלימער שטאָט־פערוואַלטונג, נאָר האָט אויך אומגעוואָרפען דעם שטיץ־פונקט, אויף וועלכען עס איז אין אַ גרויסער מאָס געווען געבויט דער פּלאַן פון דעם לעגיסלאַטיווען ראַט אין ארץ־ישראל.

(פאָלקער).

דר. נחום גאָלדמאַן וועגען די אַקטועלע פּראָבלעמען פון יודישען לעבען

אינטערוויאו מיט דעם ווינער י.ט.א. פאָרשטעהער

ווי ע ן, (יט״א). דער פּרעזידענט פון קאָמיטעט פון די יודישע דעלעגאַציעס דר. נחום גאָלדמאַן האָט אויף זיין רייזע קיין קראָקע זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קורצע צייט אין ווין, וואו ער האָט קאָנפערירט מיט די פיהרענדע יודישע פּערזענליכקייטען.

אין אַ געשפּרעך מיטן פאָרשטעהער פון דער יודישער טעלעגראַפען אַגענטור האָט דר. נחום גאָלדמאַן בעריהרט איינגע אַקטועלע פּראָבלעמען פון יודישען לעבען. דר. גאָלדמאַן האָט ערקלערט צו״. אַנד. :

איינע פון די וויכטיגסטע און דרינגענדסטע פּראַגען, מיט וועלכע דער קאָמיטעט פון די יודישע דעלעגאַציעס בעשעפטיגט זיך לעצטענס זעהר אינטענסיוו איז בנוגע דער יודישער בעפעלקערונג אין סאַאַר־געביט, דער גורל פון די סאַאַר־יודען שטעלט מיט זיך פאָר אַ זעהר ערנסטען פּראָבלעם, די ענטשיידונג וועגען דעם, צי זאָל דער סאַאַר־געביט אין די איצטיגע בעדינגונגען פעראייניגט ווערען מיט דייטשלאַנד אָדער עס זאָל פערבלייבען דער סטאַטוס־קוואָ, געהערט אין דער לעצטער אינסטאַנץ צום פעלקער־בונד. דער פעלקערבונד וועט אָבער האָבען אַ גרויסע ווירקונג אויף דער ענטשיידונג, אויף דעם פאַל פון צוריקקעהר פון סאַאַר־געביט צו דייטשלאַנד מוזען אָנגענומען ווערען שריט, וואָס גאַראַנטירען די שוץ פון דער יודישער בעפעלקערונג איבריגענס האַנדעלט זיך נישט בלויז וועגען די יודען. מען מוז זאָרגען דערפאַר אַז די, וועלכע וועלען שטימען פאַר דעם סטאַטוס־קוואָ זאָלען דאָס קענען טון אָהן מורא פאַר שפּעטערע רדיפות אין דייטשלאַנד.

דאָס פּרעזידיום פון קאָמיטעט פון די יודישע דעלעגאַציעס וועט יעדענפאַלס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פעלקערבונד־ראַט־סעסיע, וואָס הויבט זיך אָן דעם 20־טען נאָוועמבער, אָנגעהמען אַלע שריט, כדי צו בעשיצען די בעדראָהטע בירגערליכע ווירטשאַפטליכע און סאָציאַלע עקזיסטענץ פון די סאַאַר־יודען.

דער קאָמיטעט פון די יודישע דעלעגאַציעס האָט געווידמעט פיל צייט און אויפמערקזאַמקייט אויף דער לאַגע פון די יודען אין פערשידענע אַנדערע לענדער די געשעהענישען אין טראַנציען און לעטלאַנד האָבען פערשאַפט פיל זאָרגען. דער קאָמיטעט פאָלגט נאָך מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט די ענטוויקלונג פון די פערהעלטנישען אין עסטרייך, און וויל האָפען, אַז די פערזיכערונגען פון דעם בונדעס־קאַנצלער שושניג וועגען דער מלוכה־בירגערליכע שטעלונג פון די עסטרייכישע

דער פילם „די קייזערין בין איך" איז אונטער אַ שטרענגען באָיקאָט

וואַרשע, (יט״א). איינע פון די וואַרשעווער קינאָס אַנאָנסירט, אַז אין די נאָהענסטע טעג וועט דעמאָנסטרירט ווערען דער פילם א.נ.: „די קייזערין בין איך", דער דאָזיגער פילם איז פּראָדוצירט געוואָרען דורך דעם היטלעריסטישען קאָנצערן „אוּפאַ", אין בערלין,

דער צענטראַל־קאָמיטעט פאַר דער אַנטי־היטלעריסטישער ווירטשאַפטליכער אַקציע אַפּעלירט צום יודישען פּובליקום אַז ער זאָל דורכאויס מיידען דעם קינאָ, וואָס דעמאָנסטרירט דאָס דאָזיגע בילד. זאָל קיינער נישט ברעכען די יודישע סאָלידאַריטעט! קיין איינציגער גראָשען טאָר נישט אָפּגעגעבען ווערען אויף היטלעריסטישע פילמען".

רעסטאָראַן־דאַנסינג
„TABARIN"
20 נאַרוטאָוויטש־גאַס 20
ערעפנונג פון ווינטער־סעזאָן!
אין נײַ־רעמאָנטירטען בלויען זאַל.
אַטראַקציעס איבער אַטראַקציעס!!
צום ערשטען מאָל אין לאָדז 12 ערשטקלאַסיגע Music-Hall סענסאַציעס!
מיט דעם וועלט־בעריהמטען זשאָנגלער
ADANOS אין דער שפּיץ.
ניי־אַנגאַזשירטער דזשעז־אָרקעסטער
The 7 Weinroth-Band
„FIVE" יעדען טאָג פון 5 ביז 8
אָווענד־פּראָגראַם פון 10 ביז פריה.
ערשטקלאַסיגע קיך! —::— ביליגע פּרייזען!

ר. איזראַעל
דער בערזען־סוחר
שפּאַנענדער ראָמאַן פון יודישען לעבען
38

פאַני איז געווען פערטיג, זי האָט שוין געהאַט אָנגעקליידעט צום האָטעל־באַר, אַז ער זאָל איהר אַראָפּטראָגען די זאַכען, ווען ס׳האָט זיך געעפענט די טיר און ס׳איז ווי אַ דונער אַריינגעפאַלען ראַלף ראָן.

— פאַני ראַטעווע מיך, פאַני איך בין פערלוירען.

ראַלף׳ס ווידזש און איצטיגען מאָמענט איז פאַר פאַני געווען זעהר נישט אויפן אָרט. ער איז פאַר איהר געווען איבעריג בכלל, האָט זי נישט געוואָלט האָבען מיט איהם צו טון, זי האָט כסדר אויסגעמידען זיך צו בעגעגענען מיט איהם.

— וואָס איז דיר געשעהען, ראַלף? וואָס ווילסטו פון מיר, דו זעהסט אַז איך בין שוין איינגעפּאַקט און אין עטליכע מינוטען אַרום פאָהר איך צו דער באַהן

ראַלף האָט זיך דערשראָקען אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען, ווען ער האָט געזעהען די איינגעפּאַקטע וואַליזעס. האָט ער פערשטאַנען, אַז פאַני פאָרט טאַקע באַלד אַוועק, און איז געפאַלען אויף די קניע. ער האָט אַרומגעכאַפּט איהרע פיס, אָנגעהויבען זיי צו קושען און געשריגען:

— פאַני, ניין, דו וועסט נישט פאָהרען, דו וועסט דאָ בלייבען, איך בין אַ פערלוירענער מענש און נאָר דו אַליין קענסט מיר איצט העלפען.

— פאַני האָט זיך בעפרייט פון איהם, אַוועקגעגאַנגען אָן אַ זייט און שטרענג געזאָגט:

— קודם כל שפּילט נישט דאָ קיין דראַמעס, אָדער אפשר גאָר קאָמעדיעס, איך קען דאָס נישט ליידען, שטעל דיך אויף און זאָג מיר, וואָס עס איז דיר געשעהען.

ראַלף איז אויפגעשטאַנען אויף די פיס און ווייטער גערעדט אין דעמזעלבען טאָן:

— אמת, פאַני, אַז דו וועסט מיר העלפען, אַז דו וועסט מיך נישט פערטרייבען אין דער צייט, ווען איך געפין זיך אין אַזאַ צרה.

— איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז איך פאָהר אין עטליכע מינוט אַרום קיין אויסלאַנד, ווען איך וואָלט אפילו געוואָלט און געקאָנט וועגען דיין ענין עפּעס טון, וואָלט איך אויך נישט געווען אין דער מעגליכקייט דאָס צו טון, ס׳וואָלט דעריבער געווען גלייכער אַז דו זאָלסט מיר בכלל נישט דערצעהלען וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך.

— וועגען אַ לעבענס־זאַך, איך בין אין געפאַר דו מוזט אָפּלייגען דיין רייזע אויף אַ טאָג אָדער צוויי.

— אי, ראַלף, וואָס דו פערלאַנגסט פון מיר, דו האָסט בכלל נישט געראַפט אַהערצוקומען, האָסט געראַפט פערשטיין, אַז איך וויל מיט דיר איבגאַנצען נישט וועלען רעדען. ווי קענסטו פערלאַנגען אַז איך זאָל צוליב דיר בלייבען, ווייזט אויס, אַז דו האָסט פערגעסען וואָס צווישען אונז איז פאָרגעקומען...

— אָ, איך האָב שוין זייט נישט פערגעסען וועגען דעם, פאַני, איך וועל דאָס געדענקען, אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבען. טאַקע אין נאָמען פון אונזערע אַלטע בעציהונגען בעט איך דיך, העלף מיך אויס.

— ניין, איך וויל דיך נישט אויסהערען, דער האָטעל־באַר קומט באַלד אַריין נעהמען מיינע זאַכען, ער האָט שוין בעשטעלט פאַר מיר אַן אויטאָ.

— אַלזאָ, גוט, הייסט דאָס, אַז דו ווילסט מיר נישט העלפען. דו ווילסט מיך אפילו נישט אויסהערען.

— ניין, איך וויל נישט.

— אויב אַזוי, [illegible] איך דיר זאָגען אַ בשורה וועגען אַב׳עגין, וואָס איז נוגע שוין נישט מיר, נאָר דיר אַליין.

— ווילסט מיך שאַנטאַזשירען, ראַלף?

— זאָל גאָט היטען, ס׳פעלט מיר אפילו נישט איין, איך מיין דאָס זעהר ערנסט.

— זאָג, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך.

— איך קען דיר מודיע זיין, פאַני, אַז אויב דו וועסט נאָר מאַכען דעם ערשטען פּרוב צו פערלאָזען לאָנדאָן, וועסטו אויפן וואָקזאַל אַרעסטירט ווערען, איך רעכען, אַז דו וואָלסט געראַפט די דאָזיגע אונאַנגענעהמליכקייט אויסמיידען.

— ראַלף, דאָס איז שוין שאַנטאַזש, און וואָס פאַר אַ נעץ האָסטו מיך אַריינגעצויגען?

— איך? זאָל גאָט היטען, און וואָס ביזטו מיך חושד? איך האָב מיט דעם ענין גאָרנישט צו טון.

— נאָר וואָס דען זאָל דאָס אַלעס בעדייטען?

— דו זעהסט פאַני, מיין אַנשטענדיגקייט, איך בין אַהערגעקומען נישט כדי דיר צו דראָהען, נאָר צו וואָרענען, כ׳האָב דיר בכלל וועגען דעם נישט געוואָלט זאָגען, איך בין געקומען און אַ גאַנץ אַנדערען ענין, און מיינס אַנ׳איינענעם ענין, אָבער דו ווילסט דאָך מיך אפילו נישט אויסהערען, האָב איך דיר געוואָלט ווייזען, אַז איך האָב דיך מעהר ליב און וויל דיך נישט דערלאָזען צו קיין צרה.

— ראַלף, איך האָב גענוג די דאָזיגע ווערטער, זיי איבערצייגען מיר בכלל נישט, וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרעסט, פאַרוואָס וויל מען מיך דאָ אַרעסטירען?

— וועהסטו? דאָס ווייס איך אַליין נישט. אָבער איך ווייס, אַז עס איז אַזוי איך האָב אַליין געהערט, דעם בעפעהל פון פּאָליציי־אינספּעקטאָר ווען דו ביזט אַרויס פון פּאָליציי־אָפּיס.

— דו ווייסט אַז איך בין געווען אין פּאָליציי־אָפּיס?

— געוויס ווייס איך, דו זעהסט דאָך, אַז איך בין און אַלעם אינפאָרמירט.

— ווייסט דו אויך וועגען וואָס איך בין געווען אין דער פּאָליציי?

— געוויס ווייס איך, מ׳האָט דיך פערהערט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויספאָרשונג וועגען מאָרד איבער דיין פריינד רובין.

פאַני האָט אַראָפּגענומען פון קאָפּ דעם הוט, וועלכען זי האָט שוין געהאַט אָנגעטאָן האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטעל און די הענדשקעס און האָט זיך מיט אַ געמאַכטער רוהיגקייט אַוועקגעזעצט אויף אַ שטוהל.

— דו קאָנסט געהן, האָט זי געזאָגט צום האָטעל באַר, איך פאָהר דערווייל נישט וועסט זאָגען אין קאַנטאָר אַז דאָס צימער פערהאַלט איך דערווייל.

— איצטער בעפעהל, גנעדיגע מאַדאַם. ווען דאָס יונגעל איז אַרויס פון צימער, האָט זיך פאַני געווענדעט צו ראַלפען:

— אויב דו ביזט שוין ווירקליך אַזוי גוט אינפאָרמירט אין דעם גאַנצען ענין, אפשר ווייסטו אויך פאַרוואָס דער אינספּעקטאָר האָט אַרויסגעגעבען דעם בעפעהל מיך צו אַרעסטירען.

— בכלל צו אַרעסטירען, נישט, דער אַרעסט דאַרף פאָרקומען נאָר אין פאַל, ווען דו וועסט פרובען פערלאָזען לאָנדאָן.

— ווער איז פון וואַנען ווייסען זיי וויסען, אַז איך פאָהר פון דאַנען אַוועק?

— פון מאָמענט אָן ווען דו האָסט היינט פערלאָזען דעם פּאָליציי־אָפּיס, ווערסט דו געהיטעט אויף טריט און שריט, קענסט זיך דעריבער איבערצייגען.

— ווי אַזוי? וועסט אַראָפּגיין אין האָטעל־האָל וועסטו בעמערקען אַ פרעמדען יונגען מענשען, וועלכער איז בעשטימט צו היטען דיין יעדען שריט.

— און די סיבה דערפון? האָט פאַני ווייטער געפרעגט.

— די סיבה דערפון איז מיר אויך נישט בעקאַנט, ווייזט אויס אַז דער אינספּעקטאָר האָט אַ חשד, אַז ס׳איז עפּעס פאַראַן אַ צוזאַמענהאַנג אין דיינע ערקלערונגען מיטן מאָרד פון רובינען.

— דאָס איז אַ חוצפּה, האָט פאַני אויסגעשריגען, וואו זענען די בעווייזען?

— ווען ער וואָלט געהאַט בעווייזען, וואָלט ער דיך באַלד געלאָזען אַרעסטירען, די מעשה איז אָבער וואָס ער האָט נישט קיין בעווייזען, דער איינציגער בעווייז וואָלט געווען ווען דו ווילסט פערלאָזען לאָנדאָן. דעמאָלט וואָלט ער געקענט בעקומען דעם חשד, אַז דו ווילסט אַנטלויפען.

— וואָס פאַראַ שייכות האָט דאָס אַלץ מיט דיר? צוליב וואָס ביזטו אַהערגעקומען?

— ס׳האָט אַ גאָר גרויסען שייכות.

(פאָרזעצונג קומט)

די לאגע אין די יודישע שטעטלעך אין אוקראינע

מאסקווע, (יט״א). א ריזע קארעספאנדענצען אין דער יודישער סאוויעטישער פרעסע וועגן דער שווערער לאגע אין מעהרערע יודישע שטעטלעך אין ווינניצער געגענד. האט בעוויזן דעם געגענדליכן פארטיי־קאמיטעט ארויסצושיקן ספעציעלע קאמיסיעס אויסצופארשען די לאגע אויפן ארט. עס זענען ארויסגעשיקט געווארן פיר גרופען פעראנטווארטליכע פארטיי־טוער אין פיר בעזונדערע ראיאנען פונ׳ם געגענד. כדי די אויספארשונג זאל זיין אלזייטיג, זענען גענומען געווארן שטעטלעך פון פערשידענע טיפען: אינדוסטריעלע שטעטלעך, שטעטלעך פון לאנדווירטשאפטליכען כאראקטער, שטעטלעך, וואו די מעהרהייט בעפעלקערונג בעשטעהט פון האנדווערקער און סתם שטעטלעך אהן א בעשטימטען עקאנאמישען שניט.

פון דעם בעריכט, וואס אלע פיר גרופען אויספארשער האבען די טעג צוגעשטעלט דעם ווינניצער געגענדליכען פארטיי־קאמיטעט איז צו זעהן, אז אין אלגעמיין גענומען, האט דאס יודישע שטעטעל אינגאנצען געענדערט איהר פנים; שטעטלעך וואס זענען פריהער אין זייער גרעסטער מעהרהייט געווען הענדלעריש, זענען איצט אין גרונד פראדוצירעריש: די גרעסטע טייל יודישע בעפעלקערונג פון די שטעטלעך, וועלכע האט פריהער געלעבט פון מסחר און לופט־פרנסות, איז פערוואנדעלט געווארן אין אב׳ארבייטענדע, פיל שטעטלעך האבען פאבריקען, אויף וועלכע עס איז בעשעפטיגט די גרעסטע טייל פון דער יודישער בעפעלקערונג. אבער ווייט נישט די גאנצע יודישע בעפעלקערונג אין שטעטעל איז אריינגעצויגן געווארן אין פראדוקטיווער ארבייט, אין איינציגע שטעטלעך האבען די ארטיגע טוער לעצטענס אויפגעהערט אריינצוציהען די יודישע בעפעלקערונג אין דער פראדוקציע.

ווייט נישט גלענצענד איז אויך די לאגע פון די ביישטעטלדיגע קאלכאזען, ווינניצער געגענד ציילט ביינציג יודישע קאלכאזען מיט טויזענדער יודישע קאלכאזניקעס. איינציגע פון זיי עקזיסטירען שוין 10 יאהר און דאך איז די לאגע פון דער גרעסטער טייל קאלכאזען א שווערע, די סיבה דערפון איז, לויט דער מיינונג פון די אויספארשער גרופען, וואס דאס רוב ביישטעטלדיגע קאלכאזען זענען בלויז לויטן נאמען ביישטעטלדיגע. אין דער אמת׳ן ליגען זיי דאס רוב וואסערע צעהן קילאמעטער פון שטעטעל, די קאלכאזניקעס אליין וואוינען אין שטעטעל גופא, און אין דער צייט וואס דער דארפישער קאלכאזניק פערמאגט אלס צוגאב צום קאלכאז זיין אייגענע ביי־שטובנע ווירטשאפט — א גארטען, א בהמה, שעפסען, עופות א.א.וו. האט דער יודישער שטעטלדיגער קאלכאזניק קיין זאך נישט.

א צווייטער שוואכער פונקט פון די יודישע ביישטעטלדיגע קאלכאזען איז דאס, וואס זיי פערנעהמען זיך מיט קערנער־קולטור, וואס קאן קיינמאל נישט זיין רענטאבל ביי די קליינע שטחים ערד, וואס די ביישטעטלדיגע קאלכאזען פערמאגען.

אין איינציגע ערטער ווערט די לאגע נאך פערערגערט צוליב דער נישט־דערלאזבארער האנדלונג פון דער ארטיגער מאכט, דאס אליין ברענגט אין מעהרערע ערטער צו א גרויסען אפפלוס פון די קאלכאזען, אין שטעטעל אסטראפאל צ.ב. זענען אין 1930 יאהר געווען אין קאלכאז 166 יודישע פאמיליעס, איצט 83 פאמיליעס.

נישט גלענצענד איז אויך די לאגע אין די האנדווערקער־ארטעלען, א ריזע ארטעלען, ווי שניידערישע, שוסטערישע, היטעל־מאכער און אנדערע ליידען פון מאנגעל אין רוי־מאטעריאלען, דאגעגען ארטעלען, וועלכע ארבייטען אויף ארטיגען רוי־מאטעריאל, ווי באנדער, מעבעל־ארטעלען א.א.וו. האבען גענוג ארבייט און די ארטעל־מיטגלידער זענען מיט חיונה בעזארגט.

אלע פיר קאמיסיעס האבען איינשטימיג פעסטגעשטעלט אז ווען די ארטיגע געווערב־ארגאניזאציעס וואלטען ארויסגעוויזען מעהר איניציאטיוו און מעהר זארג פאר די אינטערעסען פון די האנדווערקער, וואלט מען אין די מעהרסטע פאלען געקאנט בעקומען ארטיגע רויהשטאף און בעזארגען די עקזיסטירענדיגע ארטעלען מיט ארבייט, ווי אויך [illegible] פען א ריזע נייע קוסטאר־אונטערנעהמונגען, געגרינדעט אויף ארטיגען רויהשטאף.

בנוגע דער קולטור־ארבייט ווערט פעסטגעשטעלט, אז אויסער דער שול ווערט אין שטעטעל כמעט קיין שום אנדערע קולטור־ארבייט נישט געפיהרט. די „קלעריקאלע עלעמענטען" זענען נאך שטארק בעפעסטיגט אין שטעטעל, עס ווערען אויסגעהאלטען רבנים, חזנים, שמשים, שאטאווע, א שטעטעל מיט 85 יודישע פאמיליעס פון וועלכע 74 זענען אין קאלכאז, האלט אויס א רב, א חזן, א שוחט, און אפילו א מלמד, וואס פיהרט כמעט אפען זיין חדר. די בעסטע געביידע אין שטעטעל איז דער בית־המדרש, די איינציגע „הערברייכונג" אין שאטאווע איז, אידאנידורט דער בעריכטגעבער, וואס איצט שטעהט אין מזרח־וואנד נישט דער גביר, נאר דער קאלכאזניק... די בעסטע עליה בעקומט אויך דער קאלכאזניק.

ווינניצער געגענד צעהלט פיר הונדערט טויזענט יודישע נפשות — אזוי פיל, וויפיל עס פערמאגט גאנץ ווייסרוסלאנד, די לאגע אין די יודישע שטעטלעך פון ווינניצער געגענד איז אין א היבשער מאס כאראקטעריסטיש פאר די איבריגע יודישע שטעטלעך פון אוקראינע.

דער ווינניצער געגענדליכער פארטיי־קאמיטעט וועט, ווי מען גיט איבער, אין די נאהענסטע טעג מאכען די געהעריגע אויספיהרען פון די בעריכטען אין דער ריכטונג פון ענדגילטיג איבערבויען דאס יודישע שטעטעל אויף נייע יסודות.

אין פארערהויז פון ארץ־ישראל

(ענדע פון דער 3־טער זייט)

אויף וועלכע קיין שום נביא וואלט נישט געווען אימשטאנד צו ענטפערען. און מען דארף האבען פיל געדולד, בעזיצען פיל טאקט, פערשטענדניש פאר דער מענשליכער נשמה, כדי אויסצוהערען אט די אלע פראגען, פראטענציעס, טענות.

די ארביימער און אנגעשטעלטע פון ביורא בעזיצען די מעלות און איבער דער מאס. דער הויפט־פערוואלטער פון ביורא איז ד״ר גאלדין, צום פערסאנאל געהערען ס. ה. 4 מאן.

אין משך פון דער שעה, וואס איך האב פערבראכט ביי ד״ר גאלדין, האט מיר דער קאפ אנגעהויבען ווייטאן. אהן אויפהער גייען און קומען מענשען, מ׳דארף ענטפערען אויף בעזונדערע פראגען, דורכזעהען אהן א שיער דאקומענטען, ענטפערען אויף צעהנדליגער טעלעפאן־אנפראגעס. ס׳איז צו בעוואונדערען די רוהיגקייט און געדולד פון ד״ר גאלדין און זיינע געהילפען.

עס קומען אן קיין טריעסט מענשען אהן געלד, אהן פאפירען. זיי ווילען פאהרען קיין א״י. אויף וואס האפען זיי? אויף א נס! אפשר וועט דאס ביורא קאנען טון עפעס פאר זיי? אפשר וועלען זיי קאנען דערפאהרען ווי ס׳איז קיין א״י און דארט זיך אריינכאפען? מ׳איז דאך יודען, יודען וועלען דאך העלפען! ווי וועט מען עס נישט העלפען א יוד, וואס האט זיך געראטעוועט פון די היטלעראווצעס?

אבער אין טריעסט מוזען זיי זיך איבערצייגען, אז די האפנונגען זענען פוסטע: קיין פאלעסטינע וועלען זיי זיך נישט דערקלייבען. אומזיסט זענען די געבעטען, די געשרייען, די קללות! א טאג־צוויי האלט מען אזעלכען אין עמיגראנטען־הויז, דאן קריגט ער א בילעט אויף צוריקצופארען און עס העלפען נישט קיין שום רייד, קיין שום געבעט און תחנונים.

פארהאן אזעלכע, וואס לאזען זיך נישט אפשרעקען. זיי קומען צוריק אין עטליכע חדשים ארום, אין א יאהר, אין צוויי, און ווידער הויבט זיך אן דער זעלבער האפנונגסלאזער ספעקטאקל.

משה מאנטעפיארע

זיין לעבענס־געשיכטע צום 150־טען געבורטס־טאג

פון מ. דאנצים

מאנטעפיארע און זיין פרוי יהודית מאכען זייער ערשטע רייזע קיין א״י

ענדליך האבען משה מאנטעפיארע און זיין פרוי יהודית דערפילט זייער חלום, מיט וועלכען זיי האבען זיך ארומגעטראגען יאהרען און יאהרען, צו בעזוכען דאס היילינע לאנד און צו זעהן מיט זייערע אויגען דאס ארט, וואס איז פערבונדען מיט דער ליכטיגער יודישער פערגאנגענהייט און צוקונפט.

עס איז געווען אין דעם יאהר תק״צ (1830), ווען עס איז אנגעגאנגען א מלחמה פאר דער בעפרייאונג פון גריכענלאנד פון דעם טערקישען יאך, און א רייזע קיין ארץ־ישראל געווען פערבונדען מיט גרויס געפאהר, ווארים די פלאטען פון די פעראייניגטע מלוכות, רוסלאנד, פראנקרייך און ענגלאנד, האבען בעלאגערט די ברעגען פון טערקיי און עגיפטען, און עס זענען אויך פארגעקומען אויפשטאנדען פון אראבער אין גאנצען מזרח.

מאנטעפיארע און זיין פרוי האבען זיך אבער נישט אפגעשטעלט פאר דעם. זונטאג, דעם ערשטען טאג פון חודש מאי, 1830, געהען מאנטעפיארע און זיין פרוי תפילה־טון אין דער ספרדישער שוהל, אז גאט זאל זיי מצליח זיין אויף דער רייזע.

און אט זענען זיי אנגעקומען דעם 16. אקטאבער קיין יפו. די שטאט האט געמאכט אויף איהם א טיפען איינדרוק מיט איהרע ווייגערטנער און אראנזשען־וועלדלעך, פון וועלכע די גאלדענע מאראנצען האבען ארויסגעקוקט, כאטש די אלטע יפו האט אויסגעזעהען ארים און שמוציג.

פון יפו זענען זיי געפאהרען קיין ירושלים, ווען זיי האבען געהאלטען אין דערנעהנטערען זיך צו דער אלטער שטאט, האבען מאנטעפיארע און זיין פרוי ארונטערגעשפרונגען פון די קעמלען, אויף וועלכע זיי זענען געריטען אין דער בעגלייטונג פון עטליכע ענגלישע סאלדאטען, געריסען זייערע קליידער ווי אבלים, און געמורמעלט פאר זיך א תפילה צו גאט, וואס ער האט זיי געבראכט בשלום צו די טויערען פון דער היילינער שטאט.

דער טערקישער פאשא, וואס איז געווען דער גובערנאטאר פון ירושלים, האט איינגעלאדען מאנטעפיארען און זיין פרוי צו זיך אין פאלאץ, ווען ער איז געקומען, האט דער פאשא צו איהם געזאגט, אז ער בעדויערט זעהר, וואס ער מוז וואוינען אין דעם שמוציגען יודישען קווארטאל, דאן אז ער איז גרייט אפצוגעבען פאר איהם און זיין פרוי א פאלאץ אויסער דער שטאט. מאנטעפיארע האט איהם אבער געענטפערט:

„איך האף, אז איך וועל אלע מיינע יאהרען לעבען צווישען מיינע ברידער און שטארבען צווישען זיי".

די מאנטעפיארעס האבען פערבראכט פיר טעג אין ירושלים. די היילינע שטאט האט געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק אויף זיי. עס איז נישטא קיין אנדער שטאט אין דער וועלט, האט ער ערקלערט, וואס זאל שטעהן אויף אזא וואונדערליכען פלאץ, ווי ירושלים. און עס איז אויך נישט פערהאן קיין אנדער ארט אין דער וועלט, וואס זאל פערמאגען אזא וואונדערליכען קלימאט ווי ירושלים.

פון ירושלים זענען זיי אפגעפאהרען קיין אלעקסאנדריע, די זענען אויסגעשטאנען גרויסע סכנות אויפן וועג, א טערקישע שיף האט זיך נאך זיי נאכגעיאגט, און ווען זיי האבען דערגרייכט דעם ברעג פון אלעקסאנדריע איז די שיף אויפגעריסען געווארען פון אן אונטערוואסער באמבע און צוויי הונדערט מענשען זענען אומגעקומען פאר זייערע אויגען. די דאזיגע שרעקליכע סצענע האט זיי טיף איבערגעטרייסעלט. צעהן טעג האבען זיי געמוזט פערברענגען אין אלעקסאנדריע צוליב דער מלחמה. זיי זענען אפגעפאהרען קיין ענגלאנד אונטער דער בעגלייטונג פון א פראנצויזישער קריגס־שיף. זייער לעבען איז געווען עטליכע מאל אין געפאהר צוליב די מורא׳דיגע שטורעמס.

מאנטעפיארע נעהמט זיך אינטערעסירן מיט דער לאגע פון די רוסישע יודען

אויף דער רייזע צוריק פון ארץ־ישראל האבען מאנטעפיארע און זיין פרוי יהודית זיך ווידער אמאל אפגעשטעלט אויף דעם אינזעל מאלטא. דארטען, האט ער זיך בעקענט מיט א הויכען רוסישען מיליטער׳שען בעאמטען און געפיהרט מיט איהם א שמועס וועגען דער לאגע פון די יודען אין רוסלאנד. פון דעם רוסישען אפיציר האט ער געהערט ווי שרעקליך עס לעבט זיך די רוסישע יודען, ווי אונטערדריקט זיי פיהלען זיך פון די [illegible] אין בעשרענקונגס־געזעצען, וואס די רוסישע רעגירונג האט איינגעפיהרט, איבערהויפט אונטער דעם רעזשים פון דעם דעמאלסדיגען צאר, ניקאלאי דעם ערשטען.

דעמאלט איז ביי איהם געבוירען געווארען דער געדאנק צו פאהרען קיין רוסלאנד און איבערשטעלען זיך ביים צאר פאר זיינע אונטערדריקטע ברידער.

ווען די מאנטעפיארעס זענען געקומען צוריק קיין לאנדאן, זענען זיי געגאנגען אין שוהל, וואו די גאנצע קהלה האט זיי אויפגענומען מיט גרויס כבוד.

אין קומענדיג צוריק, איז ער ווידער פערכאפט געווארען פון דעם ברענענדיגען קאמף פאר יודישער גלייכבערעכטיגונג, וואס איז דעמאלט אנגעגאנגען אין ענגלאנד. ער, און די אנדערע פארשטעהער פון דער לאנדאנער קהלה האבען יעדען טאג און יעדען אפגעהאלטען קאנפערענצען וועגען דעם. מען האט זיך געדארפט זעהן מיט פערשידענע פארשטעהער פון דער רעגירונג, מיט מיטגלידער פון פארלאמענט, עס איז געווען א פראגע פון געווינען אלץ מעהר ליבעראלע עלעמענטען, וואס זאלען אונטערשטיצען די יודישע פאדערונגען, וואס האבען געדארפט אויפגענומען ווערען אין פארלאמענט. די אנפיהרער פון דער בעוועגונג זיינען געווען, ראטשילד, מאנטעפיארע, יצחק גאלדסמיט און דער פרעזידענט פון דער ספרדישער קהלה, משה מוקאטו.

די יודישע פאדערונגען האבען אויך איינגעשלאסען א פונקט, אז די יודען זאלען האבען א רעכט צו ווערען אויסגעקליבען אלס מיטגלידער פון פארלאמענט. לארד וועלינגטאן איז געווען מיט דער מיינונג, אז מען זאל דעם דאזיגען פונקט דערווייל ארויסלאזען. מאנטעפיארע איז געווען גענייגט איינצושטימען מיט איהם, ווייל ער האט געגלויבט, אז מען דארף זיך שטעלען צופרידען מיט אלץ, וואס מען קאן קריגען. גאלדסמיט איז אבער בעשטאנען אויף דעם, אז דער פונקט זאל איינגעשלאסען ווערען. ארום דער דאזיגער פראגע איז אנגעגאנגען א היציגער קאמף אין דער לאנדאנער קהלה. די יונגע עלעמענטען האבען געהאלטען מיט גאלדסמיטען, און גאלדסמיטס אנהענגער האבען געזיגט.

אין דער צייט האט מאנטעפיארע געקריגען די דערלויבניש פון ענגלישען קעניג אויסצוגראווירען אויף זיין הערב דאס ווארט „ירושלים" אין העברעאיש, ער האט בעצאהלט פאר דעם רעכט א היבשע סומע.

פאר דער צייט איז מאנטעפיארע קראנק געווארען, און די קראנקהייט האט אנגעהאלטען עטליכע חדשים. ער איז דערנאך אוועקגעפאהרען מיט זיין פרוי ארויהען זיך אין פראנקרייך.

אין 1835 האבען די יודען ענדליך געקריגען די גלייכבערעכטיגונג, פאר וועלכער זיי האבען אזוי לאנג און מוטיג געקעמפט. יענעם יאהר האט א יוד געהאט דעם כבוד צו ווערען דערוועהלט צום הויכען אמט פון שעריף, זיין נאמען איז געווען ד״ר סאלאמאנס, און ער איז געווען דער ערשטער יוד, וואס איז אויסגעקליבען געווארען צו אזא וויכטיגען אמט.

(ווייטער מארגען.)

ראדיא־ווינקעל

דער דור־הפלגה פון ראדיא

מען רעדט אויף שבעים לשונות

(פון א שפאציר איבער אייראפא)

אין אוונד, ווען די טאג־ארבייט איז געענדיגט און מען האט א פאר פרייע שעה אויף אפרוה, האבען פיל ראדיא־הערער ליב זיך אוועקצוזעצען ביי זייערע ראדיא־אפאראטען, אנהויבען א שפאציר איבער אייראפא און „כאפען" אויף נייע שטעט און לענדער אויף דער ראדיא־כוואליע.

די שפראכען אין הילכער טוישען זיך איינס נאך די אנדערע ווי אין א קאליידאסקאפ. עס קומט אויס, אז דער ראדיא־הילכער איז אין משך פון די אוונד־שעה׳ן זעהר געבילדעט און רעדט מינדעסטענס אויף צעהן שפראכען. עס איז יעדענפאלס נישט ווייניג ווען מיר וועלען נעהמען אין בעטראכט אז גאר ווייניג מענשען פערשטעהן גוט צוויי שפראכען און די וואס רעדען גוט אויף צוויי אדער פיר שפראכען געהערען צו די אויסנאהמען צווישען צעהנדליגער און אפילו הונדערטער איינוואוינער פון איינוואוינער.

פערשטייט זיך, אז עס איז גאר נישט פון די לייכטע זאכען פאר א ראדיא־הערער אויסצולערנען זיך און פערשטעהן די אלע שפראכען, וואס דערגרייכען צו איהם פון הילכער. מיט דער פוילישער, דייטשער, ענגלישער, פראנצויזישער, טשעכישער, איטאליענישער און אונגארישער שפראך ענדיגט זיך עס נאך נישט. אויף דער ראדיא־כוואליע פון אייראפע טראגען זיך נאך פיל אנדערע שפראכען, און אפילו ביים גרעסטען פלייס און געדולד וואלט אזא ראדיא־הערער נישט בעוויזען אויסצולערנען זיך אין משך פון זיין לעבען די אונצעהליגע שפראכען וועלכע קומען צו איהם פון הילכער.

צום אפטסטען טראגט זיך אין הילכער די דייטשע שפראך, מיט וועלכער עס רעדען איבער דרייסיג דייטשע ראדיא־סטאציעס, וועלכע מען הערט ביי אינז אין פוילען זעהר גוט, צוליב זייער נאהענטער שכנות, אבער אפילו אויך אין דעם פאל וועט א געניט אויער קענען אינטערשיידען די פערשידענע דיאלעקטען פון נידער־דייטש (זאקסען), מיטעל־דייטש (שלעזיען) און אבער־דייטש (בייערן).

פון אנדערע שפראכען וואס זענען ענליך צו דער דייטשער דארף מען נאך אנווייזען אויף דער דענישער, שוועדישער, און נארוועגישער שפראך, וואס ווערט גערעדט אויף 45 ראדיא־סטאציעס. די דאזיגע ראדיא־סטאציעס זענען אבער אין אלגעמיינעם שוואכע און דעריבער איז זיי שווער ביי אונז צו הערען.

די ענגלענדער שיקען פונאנדער זייער שפראך אין דער וועלט אריין אויף עטליכע און צוואנציג ראדיא־סטאציעס, זייער שפראך איז נאך רייכער אין פערשידענע דיאלעקטען. ווייל אויסער דעם איינפלוס פון דער אלט־פראנצויזישער שפראך האבען מיר נאך דארט דיאלעקטען וואס שטאמען פון א גאנץ פרעמדער שפראכען־גרופע ווי למשל, די צעלטישע פון שאטלאנד.

איצט טראגט אונז איבער דער הילכער קיין פראנקרייך. ווי בעוואוסט האט דאס דאזיגע פאלק אין די צייטען פון דער רוימישער הערשאפט גערעדט אויף דער גאלישער שפראך. דאס צונויפמישען זיך פון לאטיין מיט דער גאלישער שפראך, האט געשאפען די היינטיגע פראנצויזישע שפראך, וועלכע שטעהט אין אזא נאהנטע קרובהשאפט מיט דער שפאנישער, איטאליענישער, פארטוגעזישער און רומענישער שפראך. אין פראנקרייך אליין וועלכע פערמאגט 18 ראדיא־סטאציעס ווערט אויך גערעדט אויף די ברעטאנישע און פראוואנסאלער דיאלעקטען, וואס אפילו נישט יעדער פראנצויז פערשטייט זיי. אין די פירענייען לעבען די באסקע וועלכע רעדען אויף א שפראך וואס איז ענליך צו דער שפראך פון די קאווקאזער פעלקער.

א בעזונדער קאפיטעל בילדעט די אונגארישע שפראך. יעדער ראדיא־הערער ווייסט, ווי די דאזיגע שפראך פון אונגארן איז אינגאנצען נישט ענליך צו די איבריגע שפראכען אין אייראפע. די בודאפעשטער ראדיא־סטאציע בענוצט איינע פון די שפראכען, וואס געהערען צו דער אזוי גערופענער פיניש־אוגרישער גרופע, צו וועלכער עס ווערען נאך פעררעכענט די שפראך פון צפון־לענדער, ווי: לאפלענדער, פינלענדער, עסטאניער און טיילווייז לעטווישער. די אונגארען מיט זייער שפראך שטעלען מיט זיך פאר אן איזאלירט אינזעל און שטאמט נאך פון די צייטען ווען די הונען האבען עראבערט מיט פייער און שווערד כמעט גאנץ מזרח און צפון אייראפע.

סלאווישע שפראכען הערען מיר אין אייראפע מינדעסטענס זעקס. כדי צו פערשטעהן די דאזיגע שפראכען דארף מען זיך אויסלערנען רוסיש, ווייסרוסיש, אוקראיניש, סלאוועניש, סערביש, כארוואטיש און בולגאריש.

ווען מיר וועלען נאך צוגעבען די שפראכען פון גריכענלאנד, און אלבאניען וואס הערטראגען זיך אויף די ראדיא־כוואליעס וועלען מיר האבען מעהר־ווייניגער א פערטיגען צעטעל פון אלע שפראכען, וואס ווערען געהערט אין אייראפעאישען ראדיא.

עס איז אבער דא איין שפראך וואס איז פערשטענדליך פאר יעדען; דאס איז מוזיק. די דאזיגע „שפראך" איז אמליבסטען צו הערען, ווען מען מאכט די רונד־רייזע איבער אייראפא, נישט ריהרענדיג זיך פונ׳ם פאטעל.

DR. DED. H. LUBICZ

פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס־קראנקה.

צעגעלניאנא 7 (פריהער 43), טעל. 141-32

עמפפאנגס־שעה׳ן 8–10, 12–2, און 5–8 אוונד

זונטאג און יום־טוב פון 9–11 בייטאג.

און יו״ט 9–1. פאר דאמען בעזונדערע ווארט־זאל

קראנג-קינא
CAPITOL
זאוואדזקא 16

היינט און פאלגענדע טעג!
„KARIOKA"

פרעזענטירען מיר דאס מייסטערווערק פון ליציטאנץ און ליבע א. ז.
אין די הויפטראלען:
DOLORES del RIO i GENE RAYMOND
רעזשי: Tornton Fryland
אויסערן פראגראם: קלאנג - צונאבע און אקטואליטעטען פון לאנד
אנהויב פון די סעאנסען אין געוו. טעג 4.30 נאכמ. שבת און זונטאג 12.30 בייטאג
דער זאל ווערט שטארק געהייצט און מעכאניש ווענטילירט.

די פערוואלטונג פון דער יידישער קהלה אין לאדז

מאכט דערמיט באקאנט, אז דער V טייל (לעצטער) פונ'ם עטאט-רעגיסטער אויפ'ן יאהר 1934, וואס נעמט ארום די פערבליבענע עטאט-צאהלער פון די גאסען: אבראמאוויסקיעגא, אל. קאשטשושקי, אל. 1 מאי, אל. אוניא, אנדזשעיא, אנסטאטא, באזארנא, פולק. בערנערא, בזשעזשינסקא, בזשאזא, בזשוסקי, ב. מארק, ב. יאסעלעוויטשא, צעגעלניאנא, צעגלאנא, כאדקיעוויטשא, טשאסנא, טשעשעלסקא, טשעשינסקא, צמענטארנא, צימערא, דאנילאוווסקיעגא, דאמבראוווסקא, דאלנא, דאווארסקא, דרעווגאוווסקא, דרוקארסקא, דווארסקא, דיגאשינסקיעגא, עוואנגעליצקא, פייפער'ס, פראנטשישקאנסקא, גדאנסקא, גענשא, גליניאנא, גלאווצקא, גלובנא, גאפלאנסקא, גראבאווא, גרונוואלדזקא, העגריקא, יאקובא, יאסנא, יעראזאלימסקא, יערזשעגא, קאליסקא, קאמיענגא, קארעלעווסקא, קארווינסקא, קאזשימיערסקא, קאנטנא, קילינסקיעגא, קאלאנטאיא, קאנאפניצקא, קאפערניקא, קאשטשעלנא, קראקאווסקא, קראשעווסקיעגא, קרוטקא באל., קרוטשא, קושיזשאווא, קוויאטקאוווסקיעגא, קחידזשינסקא, לעגיאנוב, לעקארסקא, לעאנארדא, לעשנא, לעווא-קיעלמא, לימאנאוווסקיעגא, ליפאווא, 11 ליסטאפאדא, לאקאטארסקא, לאטניטשא, לוטאמיערסקא, לאגיעווניצקא, לאנטשנא, לאנקאווא, מאגיסטראצקא, מאיאווא, מארינארסקא, מארישינסקא, מאסארסקא, מאטעיקי, מאורערא, מאזאוויעצקא, מיצקיעוויטשא, מיעלטשארסקיעגא, מאכנאצקיעגא, מלינארסקא, מאניושקי, באד לודקאן, נאפיורקאוווסקיעגא, נארוטאוויטשא, נאווראט, נאוואמיעסקא, נ.-זארזשעווסקא, אבלענגארסקא. אגראדאווא, אקאפאווא, אראווסקא, ארלא, פאביאניצקא. פערלא, פיעקארסקא, פיעפרזשאווא, פילסודסקיעגא, פיאטרקאווסקא, פיראמאוויטשא, פל. דאבבראוווסקיעגא, פל. קאשטשעלני, פל. ריימאנטא, פל. וואלנאשטשי, פאדלעשנא, פאדזשעטשנא, פאיעזשערסקא, פאלודניאווא, פאמארסקא, פ. א. ו. פולנאצנא, פאזנאנסקא, פרוסא, פושעיאזד, פושענדזאלניאנא, ראדוואנסקא, רעמבעלינסקא, ראקיטשינסקא, ריבנא, ריסאוויטשא, רזשגאווסקא, סאנאצקא, סאנזקא, סענאטארסקא, שענקיעוויטשא, שיעראדזקא, שיעוונא, 6-טער שערפיען, סקלאדאווא, סאלנא, סאמנאווא, ספאצעראווא, סרעבזשינסקא, שטערלינגא, סמושעלצוב קאניאווסקיך, סט. רינעק, שרודמיעסקא, שאפענא, סארגאווא, מקאצקא, טראמוואיאווא, טראוגוטא, טרעמבאצקא, טילנא, אוניצקא, אורזשענדנימשא, ווארשאווסקא, וועסאלא, וועגלאווא, וויערזשבאווא, וויבורי, וואדנא, וואדני רינעק, וואלבארסקא, וואולטשאנסקא, ווזשעשניעווסקא, וויסאקא, זאכאדניא, זאטשישע, זאגאיניקאווא, זאקאנטנא, זאמענהאפא, זאיואדזקא, זאווישא, זגיערסקא, זשעלנא, זשעראמסקיעגא, 'זשוראוויא, זשרודלאווא, זשווירקי, זשידאווסקא. ווערט לויט די עקזיסטירענדע פארשריפטען אויסגעלייגט צום אנזעהען במשך פון 8 טעג, ד. ה. פונ'ם 14-טען נאוועמבער ביז'ן 22-טען נאוועמבער 1934 איינשליסליך, אין דער קהלה-קאנצעלאריע אויף פאמארסקא 18, פון 10 ביז 1 נאכמיטאג.

לאדז, דעם 13 נאוועמבער 1934.

יעדער איינציגער
האט זיך איבערצייגט, אז פאר
מעבעל
דיוואנעס, קרישטאל, בראנז, נייה-מאשינען, שרייב-מאשינען, פעלצען, גארדעראבען או"וו
צאהלט די העכסטע פרייזען
א. ווייצמאן,
שענקיעוויטשא 6, טעל. 191-00
באמ.: די גרעסטע מארעלען מעבעל, בעסטע קוואליטעט שפעציעל אויף לאגער פרייזען נידריגע.

לעטשניצע
פון דאקטוירים - ספעציאליסטען
זגערזשער 17
טעל. 116-33
רענטגען-גאבינעט
ווענעראלאגישעס אמבולאטאריום
פון 9 פריה ביז 8 א זייגער אוונט.
וויזיט 3 זל.

Dr.
S. Kantor
ספעציאליסט פאר הויט און ווענערישע קראנקהייטען (סיפיליס און טריפער), היילט מענער - שוואכע וואוינט יעצט
Piotrkowska 90, tel. 129-45
נעמט אן פון 8—2 נאכמ. און פון 4—9 אוו., זונטאג און יום-טוב פון 8—2 נאכמ
פאר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פרייזען.

Dr. med.
Z. DATYNER
אוראלאג
ספעצ. פאר נירען, בלאז און אורין-קראנקהייטען
ZACHODNIA 59a, tel. 148-95
נעהמט אן פון 2—3 און פון 6—8 אוו.

Dr. HELLER
ספעצ. פאר הויט און ווענערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע
8 טראוגוטא 8, טעל. 179-89
נעמט אן פון 8—11 און פון 4—8 אוונט, זונטאג פון 11—2 מיטאג.
פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע-זאל.
אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פרייזן

Dr. med. Niewiażski
ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקהייטען. בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע
אנדזשעיא 5, טעל. 159-40
צוריקגעקעהרט
נעהמט אן פון 8—11 און פון 5—9 אוו. זונטאג און יום-טוב פון 9—1 פארמיטאג. בעזונדערער ווארטע - זאל פאר פרויען.

Dr. med. Józef Imich
צוריקגעקעהרט
ספעציאל-ארצט פאר האלז, נאז און אויערען-קראנקהייטען
ארדינאטאר פון לארינגאלאגישען אפטיילונג אין פרעז. מאשטשיצקים שפיטאל
מאניושקי 1, טעל. 209-97
נעמט אן פון 5—7 אוונד.

Dr. L. FALK
ספעצ. ארצט פאר הויט- און ווענערישע קראנקהייטען
Nawrot 7, tel. 128-07.
עמפפאנגט פון 10—12 און פון 5—7 נ"מ

Dr. Jakób Handzel
ספעציאליסט אין ארטאפעדיע (קראנקהייטען פון ביינער און געלענקען, ארטרעטיזם)
Sienkiewicza 20, tel. 141-41
נעמט אן פון 4—6 נאכמ.

Dr. med.
S. LIEBESKIND
Akuszer-Ginekolog
przeprowadził się na ul.
Andrzeja 2, tel. 216-66
przyjmuje od 4–6.

Dr. med. N. Kajzer
ספעצ. פאר אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען
וואוינט יעצט אויף
בזשעזשינער 24 (רוג מלינארסקא)
נעמט אן פון 10—12 און פון 4—7 נ"מ
לעטשניצע-פרייזען.

Hilde Handzel
ספעציעלע ווינער היילגימנאסטיק פאר פערקרימונגען פון רוקען-ביין, שלעכט האלטען זיך פון קינדער.
Sienkiewicza 20, tel. 141-41.

Dr. med.
Haltrecht
ספעציאל-ארצט פאר הויט-און געשלעכטס קראנקהייטען
פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21
נעמט אן פון 8—11 פריה און פון 1—2.30 מיטאג און פון 5—9 אוונד.
זונטאג פון 10—1 מיטאג.
עלעקטראטעראפיע.
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזן
פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע-זאל.

ענטשולדיגונג.

איך בעט ענטשולדיגונג ביי מיין ווירט ה' א.מ. גאלאם, בזשעזשינער 4, פריוואטוואוינונג פאמארסקא 6, פאר מיין נישט טאקטישען ארויסטריט אין אנ'אויפגערעגטען צושטאנד. אלס צייכען פון חרטה שפענד איך לויט זיין פערלאנג 19 זל. לטובת דער תלמוד תורה, בזשעזשינער 23.

דאס געלד איז אבגענומען ביי שמואל הערש פאלמען, נאוואמיעסקא 30, וועמען איך בין דאנקבאר פאר אויסגלייכען דעם סכסוך.

מיט אכטונג **א. מערקערטויב,**
לאקאטאר פון בזשעזשינער 4.

עפענטליכע דערקלערונג.

איך דריק אויס מיין חרטה אויף דער אומדערלאזבארער האנדלונג, וועלכע איך בין בעגאנגען בײַ דער ארבייט. איך בעדויער מיין מעשה און דערקלער, אז מעהר וועט אזעלכעס נישט פארקומען.

זוסמאן מאזורקעוויטש,
מרעכער-ארבעטער, מינגליד פון לאדזער טראנספארט-פאראיין.

פערלוירען.

פאהרענדיג אויפ'ן טראמוואי האב איך פערלוירען געלד, אויך א וועקסעל אויף 100 זל. צאהלבאר דעם 10.12.34 ווי אויך א פראטעסט אויף 600 זל. דער עהרליכער פינדער ווערט געבעטען זיך דאס געלד צו האלטען אלס בעלוינונג, נור די וועקסלען מיר אבצושיקען צו צעדערבוים, פילסודסקיעגא 74. די וועקסלען ווערען ערקלערט פאר אונגילטיג.

ביזשוטעריע גאלד, זילבער און לאמבארד-קוויטעס
קויפט איך און צאהל די העכסטע פרייזען
Zakład Zegarmistrzowsko-Jubilerski
J. SOŁOWIEJCZYK, Piotrkowska 54
ווערקשטעל אויפ'ן ארט.

Dr. med. R. Zalcwasser
כירורג
ציגעל-גאס 19 טעל. 125-17
נעהמט אן פון 1—2 און פון 4—6 נאכמ.

קליינע אנאנסען
1 זלאטי אנ'אנאנס ביז 15 ווערטער 1 זלאטי

טיכטיגע אגענטען קענען פיל געלד פערדינען. ערפאהרען טעגליך בזשעזשינער 4 אין פראנט-לאדען ביי טערקעלטויב

פערשידענעס

א רונד-זשאקארד-מאשין (שוובערט און זאלדער) אין גוטען צושטאנד צו פערקויפען. ארנאוויטש אדער בראטמאן, נאוואמיעסקא 29.

כ'זוך א 12-ער שליטען-מאשין פון 50 - 80 צענטים. צו ווענדען זיך צו יוסף בזשאזא, פולנאצנא 19. 1938

Primeros

דער, וועלכער האט ארויסגענומען דאס פעקעל דעקען אויף זאכאדניא אין דורכגאנגס-טויער פון אגראדאווע 9 ווערט געבעטען זיך צו פערשטענדיגען טעלעפאניש 218-89, דיסקרעציע שטרענג געזיכערט. העכסטע בעלוינונג. 4947

Zgubiono sakewkę z patentem na imię Ch. Trombeckiej, wydano w Busku. Proszę o zwrócenie patentu za wynagrodzeniem Trombecki, Podrzeczna 11. 6867

Zaginiony został kwit kaucyjny z Elektrowni Łódzkiej na imię Majlech Orbach, Nowomiejska 27, na zł. 50.–

קיין ארץ-ישראל! גענויע און מאסגעבענדע אינפארמאציעס קען מען בעקומען קילינסקיעגא 21, וו. 4, פראנט, 1. שטאק פון 5–6 נאכמ. 4934

ראקאלען

א שטוב וועגטועל א שטוב מיט א קוך, מעגליך אויך אלס סובלאקאטאר פאר א יונג פארפאלק ווערט געזוכט אין געגענד פון נאוואמיעסקא.
פאקטאר, קאנסטאנטינער 6 4944

צו פערדינגען א שטוב מיט א קוך מיט קארידאר, זוניג, ערשטער שטאק, דירעקט פון ווירט. אויף פראנציסקאנער 30 צופאהר מיט די טראמוואיען 14, 6 און 1. צו ערפאהרען אויפ'ן ארט ביים ווירט.

נאכט-לעגער און ענצעלנע צימערן מיט בעזונדערע איינגאנג פאר יונגעלייט. צו ערפאהרען וואסכאדניא 19, ביי זענדעל.

א בעקוועהם ארט צו שלאפען פאר 2 אנשטענדיגע יונגעלייט איז אפצוגעבען. פאמארסקא 14, אין אפיצינע, 2. שטאק, ביי לאסקי.

פרייע פאסטענס

ס'ווערט געזוכט א האנט-נייהער צו דאמען בעשטעלט ביי בליטענטייל פיעטריקאווער 108. 4948

א קוואליפיצירטע האנד-קא טלערין צו סוועטערס ווערט געברויכט, לענטשיצקא אגראדאווא 8.

ס'ווערט געברויכט א קוואלי פיצירטער וואכען-מענש צו מענער בעשטעלט פון זאפארט ביי אייפער, באלוטער מארק 3.

ס'ווערט געזוכט א יונגעל פון אנשטענדיגע עלטערן. זיך דערוויסען ביים צייטונגס-פערקויפער זשעראמסקיעגא 44.

ברוך-קראנקע!!!

ערשטע און איינציגע ארטאפעדישע הייל-אנשטאלט אין לאדז, פון דעם אין גאנץ פוילן בעריהמטען ספעציאליסט ארטאפעד דיר. י. ראפאפארט.
וועלכער עקזיסטירט 30 יאהר און איז געווארען אנערקענט פון פיר בעוואוסטע פראפעסארען.

J. Rapaport

ברוך-ליידענדע! ספעציעלע ארטאפעדישע גומי-היל-באנדאזשען פון מיין ארטאפעד. היל-אנשטאלט בעזייטיגען אהן שום אפעראציע, ראדיקאל שנעל און זיכער מיט דעם גרעסטען ערפאלג, די שווערסטע, נאפעהרליכסטע און פערעלטערסטע ליידענדע בריכען ביי מענער, פרויען און קינדער. — ספעציעלע ארטאפעד. היל-באנדאזשען פאר צו ריקבעקומענע ברוכען נאך אפעראציעס, ווי אויך ספעציעלע אונדערצונגעפאסטע ארטאפעד. בויך-באנדאזשען געגען ארפאלאזען זיך פון מאגען און קישקעס.

פאר קאליקעס, הויקערס און אלערארט פעהלער פון גוף!
אין מיין ארטאפעד. היל-אנשטאלט ווערען אויסגעארבייט די היילבארסטע און פון פיל פראפעסארען אנערקענטע מעטאדע ספעצ. ארטאפעד. היל-גארטעלען פאר פערקרימונג פון רוקען-ביין (Skrzywienie Kręgosłupa), ביין-שווינדזוכט, ריטונגען, פערקרימטע פיס ביי קינדער און ערוואקסענע קינסטליכע הענד (פראטעזען) און פיס, ווי אויך די פראקטישסטע ארטאפעדישע אפאראטען פאר שטערצליכע פלאטפיס לויט גיפס-מאדעל.

אכטונג! / אכטונג!
אלע קראנקע אין מיין ארטאפעד. הייל-אנשטאלט, ווערען נאר פון מיר פערזענליך בעהאנדעלט.
30 יעהריגע פראקטיק, פולע גאראנטיע!
ערמעסיגטע פרייזען! עמפפאנגט טעגליך פון 9 פריה ביז 7 אוו.
עס ווערען אויך אנגענומען מיטגלידער פון אובעזפ. ספאל. (קאסע-כאריך).

ערשטע און איינציגע ארטאפעדישע הייל-אנשטאלט אין לאדז
Spec. Dyr. J. RAPAPORT, Ortoped.
פון לעמבערג
Łódź, Wólczańska 10, front, parter, tel. 221-77.

הערצליכען דאנק

איך מאך עפענטליך בעקאנט, אז דער ה' דיר. י. ראפאפארט, וואוינהאפט אין לאדז, וואולטשאנסקא 10, דער בעריהמטער ארטאפעדישער ספעציאליסט האט אין א קורצער צייט מיך בעפרייט, דאנק זיין הייל-ארטאפעדישען באנדאזש פון רופטור, וואס איז ענטשטאנען נאך אנ'אפעראציע. איך בין גענצליך אויסקורירט פון רופטור.

(—) **Leokadja Herkt**
Łódź, Nowe Chojny), ul. Miła 7.

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.